# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 51 - April-June 1968 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1rw0g4jg

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 51(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1968

**Copyright Information**
Copyright 1968 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**51**

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז
23-טער יאָרגאַנג • ניסן-סיון, תשכ״ח • אַפּריל-יוני, 1968

## אינהאַלט


אלף כץ: יעדע לעבעדיקע זאַך רעדט אַ לעבעדיקע שפּראַך (ליד) — — — — 3
משה שטאַרקמאַן: אברהם גאָלאָמב און די פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע 4
לוי גאָלדבערג: היים־אָרט (ליד) — — — — — — — — — — — 8
זיבעציק־יאָריקער יובילי פון אהרן צייטלין — — — — — — — — — — — 9
אהרן צייטלין: אויפן הויף פון בית־אהרנסאָן אין זכרון־יעקב (ליד) — — — — 9
ישראל עמיאָט: צוויי בענד פּאָעזיע פון אהרן צייטלין — — — — — — — 10
ברכה קודלי: פייגל פון גן־עדן בלום (ליד) — — — — — — — — — 15
פינטשע בערמאַן: דריי לידער — — — — — — — — — — — — — 16
נחום סומער: יחזקאל בראָנשטיין — דער גרויסער בעל־בטחון — — — — — 17
יוסף לעפּטוויטש: די באַלפור דעקלאַראַציע — — — — — — — — — 20
מאיר אייזענדאָרף: אין אַ פרילינג־נאַכט (ליד) — — — — — — — 23
י. פּאַפּיערניקאָוו: אין די בערג ירושלימס (ליד) — — — — — — — 24
אהודה רונת: מ אָ ך (ליד) — — — — — — — — — — — — 24
אריה פּאָזי: דאָס געזאַנג פון געזאַנגען וואָס צו שלמה (דערציילונג) — — — 25
אליהו רייזמאַן: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — 35


### וועגן און אומוועגן


לאָטי פּ. מלאך: טראַגעדיע פון אַן אַרבעטער־פירער (רעפּאָרטאַזש) — — — 37
רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב: וואָס גרעסער די שטאָט — אַלץ קלענער דער מענטש 42


### שרייבער און ביכער


צבי שטאָק: אַ פונק אין טונקל (וועגן יאָסל קאָהנס נייעם בוך לידער) — — — 50
לוי גאָלדבערג: ג י ש ט אָ (ליד) — — — — — — — — — — — 52
יעקב שמואל טויבעס: נח גאָלדבערג ע"ה — — — — — — — — — 53
ז. בונין: מיין פּאָטער אפרים יצחק ז"ל — — — — — — — — — 55



**HESHBON**

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*
S. BUNYAN, *Secretary*

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

Subscription price: $5.00 per year

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100


# חשבון


פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר

יוסף וויינמאַן און שמואל בריינין, פאַרוואַלטערס • ז. בונין, סעקרעטאַר

23טער יאָרגאַנג, נומער 51 • אַפּריל־יוני, 1968 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


**אלף כץ** / ניו־יאָרק

## יעדע לעבעדיקע זאַך רעדט אַ לעבעדיקע שפּראַך

**וואָלפיש** רעדט אַ וואָלף. אַ בער
זאָגט אויף **בעריש** זיין באַגער.

**לייביש** רעדט אַ לייב. אַ בוים
מורמלט **בוימיש**, ווי אַ טרוים.

**טאָגיש** רעדט אַ טאָג און לאַכט,
און אויף **נאַכטיש** רעדט די נאַכט.

**שוואַלביש** רעדט אַ שוואַלב. אַ גראָז
רעדט אויף **גראָזיש**, און אַ האָז
רעדט אויף **האָזיש**, און אַ טויער
סקריפּעט **טויעריש** אין אויער.

אַ בהמה רעדט **בהמה'ש**!
מוקעט, מרוקעט אַזוי היימיש.
ווינטן וואָיען נאָר אויף **ווינטיש**,
און אַ הונט רעדט נאָר אויף **הינטיש**.

גלעקער קלינגען נאָר אויף **גלאָקיש**,
און אַ בעקל רעדט אויף **באָקיש**,
די לבנה רעדט **לבנה'ש**,
און אַ האָן רעדט נאָר אויף **האָניש**.

**נאַריש** רעדט און טראַכט אַ נאַר,
און **באַרבאַריש** — אַ באַרבאַר.
אויף **קלוגיש** רעדט אַ קלוגער נאָר,
**משוגע'ש** — אַ משוגענער.

יעדע לעבעדיקע זאַך
רעדט אַ לעבעדיקע שפּראַך.
ווייל מען אַלע זיי פאַרשטיין
און דערוויסן זיך, דערגיין
זייער טיפן מיין און חידוש,
זעצט מען איבער זיי אויף... **יידיש**.

אין ישראל, ווידער, ווען מען
קען אַ לשון נישט פאַרנעמען,
נישט פאַרשטיין ווען חיות, זאַכן
רעדן אויסטערלישע שפּראַכן:

ווען אַ ווינטער רעדט אויף **שנייאיש**,
צי אַ זעברע רעדט **זעבּרעאיש** —
יעדער לשון נישט־פאַרשטייאיש
זעצט מען איבער אויף... **העברעאיש**.

זעט איר, יידיש פון אַ ייד דאָרט
דאַרף מען קיינמאָל אויף **עברית** דאָרט
שוין ניט איבערזעצן, ניין!
ווייל מען טוט עס באַלד פאַרשטיין.

און, דער עיקר, שווער איז טאַקע
זיינע ווערטער די געשמאַקע
איבערזעצן, איבערשטעלן —
ווי, אַ שטייגער, מען זאָל וועלן
גאָלד פאַרבייטן אויף דוקאַטן
און אַ מאַמע אויף אַ טאַטן.

(דעצ. 1963)

משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# אַברהם גאָלאָמב

## און די פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע

(שטריכן צו אַ כאַראַקטעריסטיק. — לכבוד זיין 80־יאָריקן יובל)

בן שמונים לגבורה.
(אָבות ה׳, כד)

די עשרת הדיברות ריידן בלשון יחיד, אויף „דו", כדי יעדער איינער זאָל האָבן דאָס געפיל, אַז די מאָנונגען פון די צען געבאָט זיינען געווענדט צו אים פּערזענלעך. אויך די יידישע געשיכטע — כאָטש זי דערציילט וועגן דעם עבר פון יידישן קיבוץ—רעדט אויף „דו", כדי איטלעכער באַזונדערער ייד זאָל פילן, אַז אירע לערעס זיינען געשריבן געוואָרן פאַר אים גופא.

אויב מ׳זאָל דאַרפן פאָרמולירן בקיצור די מאָנונגען פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע צום אינדיווידועלן ייד, וואָלט מען דאָס אפשר געקענט דערגרייכן דורך נוצן די ערשטע העלפט פון אַ מאמר אין דער הגדה של פסח — דהיינו: „בכל דור ודור חייב אָדם לראות את עצמו..." מיטן פירוש: איטלעכער ייד פון יעדן נייעם דור דאַרף זיך אַליין זען ווי אַ המשך פון יידישן כלל און פון יידישע יחידים אין יעדן פריערדיקן דור, כדי ער זאָל נאָכטאָן די פּאָזיטיווע מעשים פון יידן אין די פריערדיקע תקופות, אויסמיידנדיק דערביי זייערע טעותן און שטרויכלונגען. אין עצם איז די יידישע געשיכטע געגליכן צו אַ קרייז, וואָס יעדער נייער דור יידן ווערט גערופן אים אויסצוברייטערן — דורך איבערחזרן גרויסע טואונגען פון יידן אין דער פאַרגאַנגענהייט און דערביי מוסיף זיין אייגענע דערגרייכונגען. משה רבנו איז געווען דער ערשטער פילאָסאָף פון דער יידישער געשיכטע. ווען דאָס יידישע פאָלק איז נאָך יונג געווען, האָט ער גערעדט, אי צום יחיד, אי צום רבים, וועגן היסטאָריאָסאָפישער פאַרשטענדעניש: „זכור ימות עולם — געדענק די פאַרצייטיקע טעג; בינו שנות דור ודור — איר זאָלט באַטראַכטן פון דור דורות די יאָרן" (דברים ל"ב ז׳). די דאָזיקע מאָנונג, ווי תורת משה בכלל, איז גילטיק אויך אין אונדזערע טעג.

זינט דער תקופה פון די גרויסע נביאים ביז אונדזער תקופה פון גבורה, קדושה און באַנייטער יידישער מלוכהשאַפט, זענען אויפגעשטאַנען אין אונדזער פאָלק גרויסע היסטאָריאָסאָפן, וואָס האָבן געזוכט אַ באַשייד פאַר די פּראָבלעמען פון אונדזער קיום — אי ווי אַ פאָלק אויף זיין לאַנד, אי ווי אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט אין די גלות־לענדער צווישן די אומות העולם. דער אויפקום פון מאָדערנע יידישע פאַרטייען און באַוועגונגען, האָט פאַרשטאַרקט דאָס היסטאָריאָסאָפישע דענקען, ווייל די טעאָרעטיקערס פון יעדער באַזונדערער שיטה האָבן געגרונטפעסטיקט זייערע אידעאָלאָגיעס אויף יידישער דערפאַרונג, אָבער אין זייער אייגענעם אויסטייטש. די חשובסטע היסטאָריאָסאָפן זיינען געווען יענע, וואָס האָבן מיט זייער דענקען זיך אַרויפגעהויבן איבער פאַרטיי און באַוועגונגס־גרעניצן, און באַטראַכט דעם יידישן היסטאָרישן מהלך אין ליכט פון זייערע סאַמע קלאָרסטע איבערצייגונגען.

צו די חשובסטע דענקערס אין קאַטעגאָריעס פון דער יידישער געשיכטע, האָבן אין דער נייער צייט געהערט — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע צווישן אַ סך — ר׳ נחמן קראָכמאַל, דער מחבר פון „מורה נבוכי הזמן"; אחד־העם, דער באַגרינדער פון גייסטיקן ציוניזם — להיפוך צום פּאָליטישן ציוניזם; דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו; ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, באַגרינדער פון יידישיסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם; יחזקאל קויפמאַן, אחד־העמס גרויסער בר־פּלוגתא, און שמעון ראַווידאָוויטש, וואָס האָט געצילט צו דער געבענטשטער סינטעזע — צו דער גליי



כער שותפות פון די יידן אין מדינת ישראל מיט די יידן אין די תפוצות ישראל, לטובת דעם אייביקן קיום פון יידישן פאָלק.

אין אונדזערע טעג, בעיקר אין די ספערעס פון יידיש־רעדנדיקע און יידיש־טראַכטנדיקע מענטשן, פאַרנעמט אברהם גאָלאָמב איינס פון די חשובסטע ערטער אין מזרח־וואַנט פון די דענקערס וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן היינט און וועגן אונדזער פאָלקישן מאָרגן.

אינעם יסוד פון ר׳ נחמן קראָכמאַלס לערע איז די דערקענטעניש פון דער אַבסאָלוטער געטלעכער גייסטיקייט, וואָס אַ דאַנק איר זיינען אויפן יידישן פאָלק נישט שולט די זעלביקע געזעצן ווי אויף די אומות העולם. מאַטעריעלע זאַכן זיינען פאַרגענגלעך, באַטאָנט רנ"ק, ווייל זייער ווירקלעכקייט איז אַ צייטווייליקע, אָבער די גייסטיקע ווירקלעכקייט איז אַן אייביקע. דעריבער קען דאָס יידישע פאָלק מאַכן אַ נייעם אָנהייב נאָך אַ פולשטענדיקער ירידה, ווייל דאָס אייביק־גייסטיקע און דאָס אייביק־אוניווערסאַלע ראַטעווען אָפּ דאָס יידנטום, ניט געקוקט אויף פאַרשיידענע גזירות, רדיפות און קאַטאַסטראָפעס; און אַ דאַנק דער תורה־גייסטיקייט וועט דאָס יידישע פאָלק בלייבן לעבן און זוכה זיין צו דער אייביקער גאולה.

אחד־העם, געטריי צו זיין איבערצייגונג, אַז ארץ־ישראל וועט ניט קענען לייזן די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע „יידן־פּראַגע," האָט דעם פּאָליטישן ציוניזם אַקעגנגעשטעלט די טעאָריע פון „גייסטיקן ציוניזם" — די שיטה פון פאַרוואַנדלען דאָס היסטאָרישע היימלאַנד אין אַ „מרכז רוחני," אַ גייסטיקן צענטער, וואָס זאָל באַווירקן די יידן אין גאָר דער וועלט.

שמעון דובנאָוו איז דורך זיינע פאָרשונגען ווי אַ יידישער היסטאָריקער, געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז די יידן אין גלות האָבן געבויט זייער ציבור־לעבן אויף אויטאָנאָמע יסודות, דערפאַר האָבן זיי געקענט האָבן אַ קיום אין זייער צעשפּרייטקייט צווישן די אומות העולם. אין אויסנוצן די דערפאַרונג פון אויטאָנאָמיזם האָט דובנאָוו געזען איינע פון די בעסטע גאַראַנטיעס, אַז דער קיום פון יידישן פאָלק זאָל ניט ווערן איבערגעריסן. די יידישע פאַרבינדונג מיט די שכנישע ניט־יידן, האָט ער געזען בלויז אין בשותפותדיקע בירגערלעך־מדינהשע אינטערעסן.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וועמעס היסטאָריאָסאָפישע עלאַסטישקייט איז שווער צו כאַראַקטעריזירן אין אַ סך־הכלדיקער פאָרם, האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף יידיש ווי אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישן און גייסטיקן דערקען־צייכן, אויף לעבנס־פאָרמען פון אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַליטעט, און אויף דער שטרעבונג אויפצושטעלן יידישע אַגריקולטור־געגנטן, אויב ס׳איז נאָך ניט מעגלעך צו באַקומען אַ טעריטאָריע פאַר פרייער נאַציאָנאַל־גייסטיקער אַנטוויקלונג אין אַן אייגענער מדינה.

יחזקאל קויפמאַן האָט אין זיין צווייבענדיקן ווערק: „גולה ונכר," דורכגעפירט אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון דער יידישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, און ער איז געקומען צו זייער האַרבע אויספירן: די יידן אין גלות זיינען פאַרמשפּט צום אומקום דורך אַסימילאַציע; די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון גלות־לעבן זיינען אַ פאַרבלענדעניש, ווייל די דאָזיקע פאָרמען, אַריינגערעכנט דעם אויפקום פון יידיש, זיינען אַ רעזולטאַט פון אַסימילירן זיך אין דער ניט־יידישער מערהייט; אַ גייסטיקער צענטער אין ארץ ישראל וועט גאָרניט קענען אויפטאָן, און דער איינציקער אויסוועג, די איינציקע לייזונג איז צו געפינען אַ ליידיקע טעריטאָריע, וואו דער רוב פון יידישן פאָלק זאָל קענען קאָלאָניזירט ווערן און פירן אַ נאַציאָנאַל־גייסטיק לעבן אין די גרענעצן פון אַ נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלערווירטשאַפט.

שמעון ראַווידאָוויטש האָט מיט זיין ברייטער הסברה צעגלידערט די פאַרשיידענע קיום־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק אין אונדזער צייט. זיין היסטאָריאָסאָפיע, ווי רעפּרעזענטירט אין צווייבענדיקן העברעאישן ווערק „בבל וירושלים" און אין יידישן בוך „שריפטן" (דאָס לעצטע ווערק איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם גאָלאָמב), איז געגרונטפעסטיקט אויף דער אידייע פון שותפות צווישן ארץ ישראל און גלות, ווייל דאָס פאָדערן די לעבנס־באַדינגונגען

פון יידישן פאָלק. אין ראַווידאָוויטשעס אידייען־וועלט זיינען ירושלים און בבל רעפרעזענטירט, ניט ווי היסטאָרישע סימבאָלן, נאָר ווי די הויפּט־פאַקטאָרן אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון די יידן ווי אַ פאָלק און אין דער אַנטוויקלונג פון זייער קולטור. שטיצנדיק זיך אויף אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער היסטאָרישער דערפאַרונג, קומט ראַווידאָוויטש מיט באַווייזן, אַז אומעטום און אַלע מאָל, ווען יידן האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו איבערצורייסן די טראַדיציע „בבל און ירושלים," האָט דאָס גורם געווען דעם באַשטימטן יידישן ישוב דעגענעראַציע און פאַנאַנדערפאַל. דערפאַר איז ראַווידאָוויטש געקומען צום אויספיר, אַז נאָר דער סינטעז פון בבל און ירושלים — וואָס דאָס מיינט די גלייכע שותפות פון מדינת ישראל און די תפוצות ישראל — קען דערמעגלעכן אונדזער אומה אַ שאַפערישן המשך און נאַציאָנאַלן קיום.

ס'זיינען פאַראַנען באַריר־פּונקטן צווישן די טעאָריעס פון פאַרשיידענע יידישע היסטאָריאָסאָפן. אַזוי, למשל, איז שמעון דובנאָוו, מעגלעך אומאָפּהענגיק פון ר' נחמן קראָכמאַלס לערע, געקומען צום אויספיר, אַז, אמת, די יידן אין גלות זיינען תמיד אויסגעשטעלט צו אַלערליי סכנות; אָבער אַזוי ווי דאָס יידנטום איז אַ גייסטיקע אייגנאַרט, קען מען עס נישט פאַרטיליקן, ווייל נאָר אַ דורכאויס פיזישן קיום קען מען אומברענגען. פאַראַנען היסטאָריאָסאָפישע באַריר־פּונקטן צווישן שמעון ראַווידאָוויטש און חיים זשיטלאָווסקי, ווי צווישן אַברהם גאָלאָמב, אים צו לאַנגע יאָרן, אי מיט ראַווידאָוויטשן — און די מאָנונגען פון „פאַריטעט" צווישן מדינת ישראל און יידן אין די גלות־לענדער, אי מיט יחזקאל קויפמאַן, אין דעם זוכן און געפינען אַסימילאַציע־סימנים און אַסימילאַציע־שטרעבונגען אין פאַרשיידענע יידישע לעבנס־פאָרמען, וואָס האַרמאָנירן מיט דער ניט־יידישער שכנים־באַפעלקערונג. די קרובהשאַפט צווישן גאָלאָמבן און ראַווידאָוויטשן איז אויך קענטיק אין דעם, וואָס ביידע צעשמעטערן אָפט די צאַמען פון קילן היסטאָריאָסאָפישן טראַכטן און רייסן זיך אַריין אין דעם תהום פון קאָכעדיקער פּובליציסטישער פּאָלעמיק.

אברהם גאָלאָמב איז אַ הייסער ליבהאָבער פון יידישן פאָלק — און דערפאַר בייזערט ער זיך אַזוי שטאַרק און וואָרנט מיט אַזוי פיל היץ, ווען ער דערזעט באַשטימטע דערשיינונגען, וואָס זיינען, לויט זיין מיינונג, סימנים פון פאַרדאָרבערישער אַסימילאַציע. ער טראָגט אַ האַרץ אויף דער יידישער ווירקלעכקייט — אָבער זיין ליבשאַפט צום יידישן פאָלק ווערט דורך דעם ניט געמינערט. אין דעם פרט איז גאָלאָמבס צעקריגטקייט מיט די מאָדערנע יידן געגליכן צום דיכטער יוסף פאַפּיערניקאָווס צעקריגטקייט מיטן יידישן היימלאַנד, ווי אויסגעדריקט אין ליד „מען בייזערט זיך":

וי מען בייזערט זיך אויף אַ געליבטער,
און מען ווערט צו איר פון טענות
אָנגעצונדן,
בין איך — — — מיט דיר געוואָרן ברוגז,
און אַ ברוגזער מיט דיר מיין גורל
שוין פאַרבונדן.

בעת אַנדערע יידישע היסטאָריאָסאָפן זיינען געקומען צו זייערע באַזונדערע און צו קרובישע אויספירן, דורך ריינעם אינטעלעקטועלן דענקען און רואיקן באַטראַכטן געשעענישן און אַנטוויקלונגען, רעדט גאָלאָמב מיט דער דערפאַרונג פון איינעם, וואָס איז אַליין געווען אין שטראָם פון יידישע לעבנס־דערפאַרונגען. זיינע וואָגלענישן האָבן אים געפירט איבער שטעט, לענדער און קאָנטינענטן — מיט אַזעלכע אָפּשטעל־סטאַנציעס ווי ווילנע, כאַרקאָוו, פּעטערבורג, קיעוו, תל־אביב, ירושלים, מקוה־ישראל, וויניפּעג, מעקסיקאָ, ביז לאָס אַנדזשעלעס, וואו ער איז איצטער אַ תושב. גאָלאָמב האָט פּראַקטישע פּעדאַגאָגישע דערפאַרונג, וואָס ציט זיך זינט 1909 — און ער איז גוט באַקאַנט מיט די דערשיינונגען, וואָס פירן אַוועק יידישע יוגנטלעכע פון יידישקייט און פון יידיש לעבן.

צו די הויפּט־יסודות פון גאָלאָמבס שיטה אין יידישער געשיכטס־פילאָסאָפיע געהערט דאָס לעבן אין מזרח־אייראָפּעאישן יידישן שטעטל. ער זעט דאָס שטעטל ווי אַ דירעקטע היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקישן לעבן, ווי ס'איז אַנט־



וויקלט און רעגולירט געוואָרן אַ דאַנק דער פאָלקס־השפּעה פון תורה שבכתב. ער זעט אין די פאַרשיידענע פאָרמען פון שטעטל־לעבן די פּאַסיקע פאָרמען פאַר יידישן לעבן אומעטום וואו יידן געפינען זיך. אַזוי ווי די יידישע שפּראַך איז געווען אַן עיקרדיקער קען־צייכן פון שטעטל־לעבן, פאָדערט גאָלאָמב, פאַרשטייט זיך, אַז יידיש זאָל צוריקגעשטעלט ווערן צו דער פריערדיקער חשיבות אין יידישן לעבן. די דאָזיקע פאָדערונג שטעלט אַרויס גאָלאָמב, ניט ווי אַ שפּראַך־יידישיסט — ער איז דאָך אויך אַ העברייער און אַ העברעאישער שרייבער — נאָר ווי איינע פון די באַדינגונגען, וואָס זיינען נייטיק, לויט זיינע איבערצייגונגען, פאַר אַ נאָרמאַל יידיש לעבן.

זיינע באַהויפּטונגען און איבערצייגונגען באַפעסטיקט תמיד גאָלאָמב מיט פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע גופא, מיט פּאַסיקע אויסצוגן פון תנ"ך, משנה, גמרא, מדרשים, ספרי מוסר און ספרי חסידות, און מיט געשעענישן, וואָס ער אַליין איז געווען זייער עד־ראיה. גאָלאָמבס אויסצוגן פון פאַרשיידענע ספרים, פון ספרי ראשונים ואחרונים; זיינע היסטאָרישע פּאַראַלעלן און ליטעראַרישע מוסטערן, דערמעגלעכן דעם לייענער צו באַנעמען, ניט בלויז וואָס ער זאָגט, נאָר אויך פ אַ ר וו אָ ס עד זאָגט אַזוי. ס'איז אָבער נייטיק צו דערמאָנען ו ו י אַ ז ו י ער זאָגט אַרויס זיינע מיינונגען. מיר האָבן דאָ אין זינען זיין באַמתדיק פּליסיקן סטיל, וואָס רוישט אָפּט מיט לייכטקייט און ער ברומט ניט זעלטן שווערלעך מיט צאָרן אויף דעם, וואָס דאָס יידישע לעבן, אין די נייע פאָרמען, איז, לויט זיין השקפה, ניט ניי און ניט יידיש. דער לייענער האָט הנאה אָפּט פון זיינע צאָרנדיקע רייד, ווייל, אַז מען פילט זיך זינדיק, ווערט לייכטער אויפן געמיט נאָכן הערן אַביסל מוסר־רייד.

די יידישע דערציאונג ראַנגלט זיך מיט אַ סך פּראָבלעמען. ניט פאַר אַלע פּראָבלעמען איז פאַראַנען אַ באַשייד. גאָלאָמב גלייבט, אַז זיינע לייזונגען זיינען צום אָנווענדן אין דער נייער ווירקלעכקייט. אפילו די פּראַקטיק זאָל באַווייזן אַז ניט אַלע חינוך־תרופות, וואָס גאָלאָמב לייגט פאָר, האַרמאָנירן מיט די לייזונגען, וואָס זיינען נויטיק אין דער איצטיקער צייט, לוינט זיך פון דעסטוועגן יאָ אויסצופּרוּוון זיינע פאָרשלאָגן — שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי קומען פון איינעם פון די סאַמע וויכטיקסטע טעאָרעטיקערס און פּראַקטיקערס פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג. זיינען דאָך געווען צייטן, ווען מען האָט ביי אונדז ניט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון ישיבות, וואו מען לערנט אויך די אַלגעמיינע לימודים; אָדער אין דער מעגלעכקייט פון יידישע טאָג־שולעס אויף אַמעריקאַנער ערד. זיינען געקומען אידעאַליסטן און עקשנים און זיי האָבן באַוויזן, אַז דאָס איז יאָ מעגלעך.

אין זיינע היסטאָריאָסאָפישע אָפּהאַנדלונגען זאָגט אַרויס גאָלאָמב אייגענע און אייגנאַרטיקע מיינונגען וועגן יידישער אמונה, וועגן דינים און מצוות. גאָלאָמב איז פאַר יידישער טראַדיציע, נאָר ניט פאַר רעליגיעזן ריגאָריזם. אָבער דאָס, וואָס גאָלאָמב ניגירט אין די שטעלונגען פון דער היינט־צייטיקער אָרטאָדאָקסיע, איז דיקטירט ניט פון איר ווילן צו הערשן און באַהערשן, נאָר פון יידישן אמונה־אידעאַליזם. צום באַדויערן זיינען אין דער טיף־רעליגיעזער וועלט פון יידן דאָ אין לאַנד פאַראַנען ווינציק טיפע דענקערס און נאָך ווינציקער היסטאָריאָסאָפן, אַז זיי זאָלן, אויף זייער שטייגער, נעמען אַ שטעלונג צו די פּראָבלעמען, וואָס גאָלאָמב באַרירט, צו די פאָדערונגען וואָס ער שטעלט אַרויס, און צו די ענטפערס וואָס ער לייגט פאָר, כדי צו באַשיידן די נייצייטיקע יידישע פּראָבלעמאַטיק. דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן בנוגע גאָלאָמבס שטעלונגען צו פאַרשיידענע פּראָבלעמען, וואָס מיט זיי ראַנגלט זיך מדינת ישראל — בעיקר יענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט שאַפן אַ שטאַרקע גייסטיקע אַחדות צווישן יידן אין דער מדינה און יידן אין חוץ לארץ — פאַרן געווינס פון ביידע צדדים. ס'זיינען היינט פאַראַנען ווינציק טעאָרעטיקערס אין די אַמעריקאַנער ציוניסטישע רייען, אַז מען זאָל פון זיי קענען הערן וועגן שטעלונגען, וואָס באַשטעטיקן אָדער פרעגן אָפּ גאָלאָמבס מיינונגען.

אַז גאָלאָמב האָט זיך גענומען דער־

לֵוי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

# היים־אָרט

אויף דער מאַפּע יידיש אומקום
ביזט אַ פּינטעלע ניט מערער.
אין דער שפּעטקייט פון אַ לעבן
זעט די ראיה דיך נאָך קלערער.

היט זיך אָפּ אין מיר דיין נאָמען,
ווי אַמאָל מיין טאַטנס גראָשן.
מיט דער מאַמעס מילך, געזויגן
האָב איך פון דיר יידיש לשון.

ביזט דורך פייער אומגעקומען.
טראָגסט אויף זיך אַן אַנדער מראה.
און דיין שרה איז אַ נייער
קרוב פון אַן אַלטן פּרעה.

נאָר ביי מיר ביזטו פאַרבליבן
ווי געוועזן — לעולם ועד;
מיט מיין מאַמעסדיקער צניעות,
און צום בורא, טאַטנס כבוד.

רעדט מען פון אַן אומקום־שטעטל,
היים־אָרט מיינס, דאָס ביסטו עס:
רייען הויקערדיקע שטיבלעך
אָנגעשפּאַרטע ווי אויף קוליעס.

טראָץ דיין ערד געווען געשוואָלן
פון די בלאָטעס, זאַווערוכעס,
האָט אין שול ביים אָרון־קודש
העל געלויכטן משהס לוחות.

און מיט יום־טוב טראַכט פון אַטלעס,
און מיט שבתדיקער זמירה
האָט דער ייד ביי דיר געלערנט
שעצן מענטש, אין גאָטס יצירה.

ניט קיין שטיין ביי דיר צוקאָפּנס,
און אפילו ניט קיין ברעטל...
לעבסטו איצטער אויף דער מאַפּע
פון מיין לעבן, היים־אָרט שטעטל!

---

נעענטערן צו דער עלטער פון גבורה — צו זיין 80 יאָריקן יובל — איז דערשינען זיין ניי בוך, טיטולירט „צווישן תקופות.“ אינאיינעם מיט זיינע „געקליבענע שריפטן“ אין זעקס בענד, און מיט די ווערק „אויף די וועגן פון קיום“, „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער“ און „אייביקע וועגן פון דעם אייביקן פאָלק,“ איז „צווישן תקופות“ דאָס צענטע ווערק זיינס, אויף טעמאַטיק פון יידישער געשיכטס־פילאָסאָפיע. עס וואָלט געווען אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפט־לעכער אויפטו פון גרויס באַטייט, אַז אַן אַנטאָלאָגישער אָפּקלייב פון די צען בענד זאָל דערשיינען אויף די לשונות, וואָס יידן איבער דער וועלט נוצן איצטער, אין צוגאָב צו יידיש — דאָס הייסט, אויף העברעאיש, ענגליש, שפּאַניש — פאַר לאַטיין־אַמעריקע — און פראַנצויזיש.

יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס לעבן זיך אויס אויף די דערמאָנטע לשונות, וואָלטן אַ סך געלערנט פון אַזאַ אויסוואַל, און זיי וואָלטן געהאַט וואָס צו לערנען מיט אַנדערע.

פון דער יידישער געשיכטע און פון דער יידישער געשיכטס־פילאָסאָפיע — איינגעשלאָסן די היסטאָריאָסאָפיע פון אַברהם גאָלאָמב — לערנט מען, אַז גאולה פאַר יידן און גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט איז תמיד געווען די גרויסע האָפענונג פון יידישן פאָלק. ווען ניט דער שטאַרקער בטחון אין אַזאַ גאולה, וואָלטן די יידן ניט באַוויזן אַריבערצוטראָגן אַזוי פיל תקופות פון נאַציאָנאַלער מאַרטירער־שאַפט. אין דעם זינען הייבן מיר אַ כוס של ברכה צום חתן־היובל און מיר רופן אויס מיט די ווערטער פון דוד מלך ישראל: „כה לחי!“ צום לעבן! — מיטן פאָלקסטימלעכן צוגאָב: „ביז 120 יאָר;“ און אַ וואונטש, אַז דער יובילאַר זאָל טאַקע דערלעבן די אויסגעבענקטע גאולה שלימה פאַר די יידן און פאַר אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס וואַרטן אויף דערלייזונג.



## זיבעציק יאָריקער יובילײ פון אהרן ציַיטלין

י״ג סיוון איז דער באַליבטער גרויסער יידישער פּאָעט און טיפער דענקער אהרן ציַיטלין ב״ה געוואָרן אַ בן־שבעים, און אָט דער יובילײ ווערט איצט געפייערט בכל תפוצות ישראל.

אין איינעם פון זיינע מאמרים אין זיין גאוניש ווערק „המציאות האחרת“ (ז' 339) שרייבט אהרן ציַיטלין, אַז די צאָל י״ג (13) איז פאַר אים סימבאָליש — („אותו י״ג שבהם מורגש לי כמין תמרור בדרך“). ווילן מיר צו דעם צוגעבן, אַז אָט דער סימבאָל ווערט פאַרגעזעצט. דהיינו: ער ווערט אַ בן־שבעים אין דעם איצטיקן יאָר תשכ״ח, וואָס איז בגמטריא נ״ו (56) מאָל י״ג; ס'איז אויך דאָס יאָר פון תשכח כל הפורעניות; און דעם זומער ווערט כ״ו יאָר זינט זיין באַרימטער פאָטער ר' הלל זצ״ל איז אַוועק על קידוש השם — און כ״ו (26) איז ניט נאָר צוויי מאָל י״ג, ס'איז אויך דער מספר פון שם הויה.

שיקט „חשבון“־רעדאַקציע צום חשובן יובילאַר האַרציקסטע גרוסן מיט די טיפסטע וואונטשן, אַז דער זכות פון זיין פאָטער און זיין אייגענער זכות זאָלן אים ביישטיין, אַז אים זאָלן באַשערט ווערן נאָך נ״ו שעפערישע און גליקלעכע יאָרן, אָמן.

---

אהרן ציַיטלין / ניו־יאָרק

## אויפן הויף פון בית־אהרנסאָן אין זכרון־יעקב *)

די לופט האָט דאָ געפלאַקערט פון געשרייען,
ווען ס'האָט דער טערק געפייניקט שרה'ן. איצטער וויען
דאָ גרינע ווייסערישע רואיקייטן טיפע.
שיזיל באַקלינגען פייגעלעך אַ בוים.
מיט אויגן נייגעריקע, גרין געשליפן,
באַטראַכט מיך ס'קעצל, וואָס גייט צו געלאַסן
צו מיין באַנק. די לאַפּקעלעך אָט־די
זיינען ערגעצוואו געווען אַ קינד'ס צוויי הענטלעך.
די אויגן ווילן זיך דערמאָנען,
פון וועלכער וועלט איך בין זיי קענטלעך.

1967.

---

*) דאָס ליד ווערט דאָ איבערגעדרוקט פון פריערדיקן נומער „חשבון“ מחמת אַ פאַרדריסלעכן דרוק־פעלער, וואָס איז אין אים אַריינגעפאַלן, און דורך וועלכן דער עיקר־געדאַנק איז אין דעם געענדערט געוואָרן.

ישראל עמיאָט / ראָטשעסטער, נ. י.

# צוויי בענד פּאָעזיע פון אהרן צייטלין

## א.

## „בין האש והישע“

עס איז אַ גרויס, טראַגיש, פּאָעטיש בוך פון אַ גרויסן פּאָעט און דענקער, וואָס אָנגערעגט איז עס פון אונדזער גרויסער טראַגעדיע, פון אונדזער גרויסן בראָך, אָבער עס גייט אַ סך ווייטער, עס בלעטערט איבער אַלע איינגעשטעלטע פונדאַמענטן פון מענטשלעכן געדאַנק. עס איז אַן „ענטווערטונג אַללער ווערטען.“ פּערזענלעכע טראַגעדיע ווערט אַלגעמיינער תשעה באָב. עס איז אַ רייסן שטיקער פון זיך און פון דער מענטשהייט, אַ וואַרפן צום הימל אויסגעשרייען פון פּראָטעסט און גלייכצייטיק עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענער טיפער גלויבן, אַזוי ווי ביי איובן, וועלכער האָט נאָך אַלע זיינע תרעומותן קעגן גאָט, טיף געגלייבט אין גאָטס משפּט.

עס איז אַ בוך וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן צו קיין מוסטער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור וואָס דו האָסט נאָר געלייענט.

און ווילן ווילט זיך, ווי דער שטייגער, פאַרגלייכן, פאַרגלייכן מיט דער שאַרפקייט פון סאַטירע און סאַרקאַזם צו אַ צווייט גרויס ווערק, וואָס איז דערשינען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דער אויסטערלישער דראַמע פון גאַנצע 700 זייטן: „די לעצטע טעג פון דער מענטשהייט“ פונעם גרויסן סאַטיריקער קאַרל קראַוס.

קאַרל קראַוס האָט געפּרואווט צונויפברענגען אונטער איין דאַך אַלע פאַרשטייער פון פאָלק, פונעם צייטונגס־פאַרקויפער ביז די פירער פון דער עפנטלעכער מיינונג, און אויפווייזן ווי די געוועזענע פּאַציפיסטן האָבן בשעת דער מלחמה געפּרידיקט בלוט־פאַרגיסונג.

עס איז איינע פון די שטאַרקסטע סאַטירעס אין דער וועלט, אָבער אהרן צייטלינס בוך „בין האש והישע“ איז דאָך מער ווי בלויז סאַטירע, עס איז פאַר אַלעם אַ גרויס פּאָעטיש ווערק, פול מיט הויכע פּאָעטישע זעאונגען, מיט אויסטערלישע וויזיעס, וויזיעס פון חורבן און וויזיעס פון גאולה, פאַרטיפטע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, דערהויבן די חזיונות פון אַ גאַנץ פאָלק.

דאָס זייגען אַקטיוו סימבאָלן: די משוגענע אויף די חורבות פון וואַרשע, וואָס זוכט אַרום איר פאַרלוירן שופהלע רייזעלע, שרייט אויס איר ווייטיק:

רייזלי שלי, בתי כלה!
אולי הנעל שמצאתי הוא נעלה.
ודאי ולא אולי. ודאי. ודאי.
רק הרגלים חסרות, אך די
לפי שעה בנעל. אין דבר.
הנעל בידי היא התחלה.
אלך אמצא השאר, אמצא השאר,
ואתפור החלקים ביחד,
ותהיה לי רייזלי כולה,
רייזלי שלי, בתי כלה.
המצא לי, אב שבשמים, מחט!

**אין פרייער איבערזעצונג:**

רייזעלע, מיין טעכטערל,
דאָס געפונען שיכל איז אפשר איר
שיכל.
זיכער, זיכער, און נישט טאָמער,
זיכער, זיכער.
נאָר די פיסלעך פעלן. אָבער גענוג
דערווייל
דאָס שיכל. ס׳איז גאָרנישט.
איכ׳ל גיין זוכן דאָס איבעריקע,
כ׳וועל געפינען
און צוזאַמענניייען די טיילן,
און כ׳וועל האָבן אַ גאַנץ רייזעלע.
רייזעלע, מיין טייערע רייזעלע.
גאָט אין הימל, געפין מיר אַ נאָדל!

און פון דער צווייטער זייט, דער פּוילישער פּויער זוכט אויף די חורבות גאָלד און געבליבענע חפצים פון יידן, און האָט מורא פאַר דער שטילקייט, „וואָס דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ שווייגנדיק הינטל,“ און די דאָזיקע שטילקייט מאָנט ביי אים, כאָטש ער טרייסט זיך, אַז „נישטאָ שוין מער קיין סרולקעס און קיין שמולקעס“;



און די מאַדאַם (הריבה), וואָס רייסט זיך טראָץ אַלעם צום לעבן, „אויב צו לעבן איז אַ פאַרברעכן, וויל איך זיין דער פאַרברעכער“. און מיסטער בלום פון אַמעריקע מיט לאָרעין, די מאַלערין, זיין טאָכטער, וואָס פּריידיקט אַז דאָס יידנטום איז בלויז אַ קאָפּ־ווייטאָג:

בעצם לה הצדק,
היהדות—אַל נא תרגז—היא „הד־אק“
(„העד־עיק“: קאָפּ־ווייטאָג)
נצחי, צרה אין קץ. ולמה, למה
לא נלמד מן השואה האחרונה,
כי כל תקוה לנצח ספה־תמה
ואין אף טעם לקינה?
נטמע, דהאט׳ס אול. מתי נלמד
כי —

**פריי איבערזעצט:**

אין גרונט איז זי גערעכט,
דאָס יידנטום — זיי נישט בייז —
איז אַ „העדעיק“,
אַן אייביקער, אַ צרה אָן אַ סוף,
און צו וואָס, צו וואָס
זאָלן מיר ניט לערנען פון לעצטן בראָך,
אַז יעדע האָפענונג איז אויף אייביק
פאַרענדיקט
און ס׳האָבן קיין זין נישט אַלע קינות.
לאָמיר פאַרשלונגען ווערן, דעט׳ס אָל!
ווען וועלן מיר לערנען, אַז —

אומפאַרגלייכלעך מיט איר פּאָעטישער קראַפט איז די אָפּטיילונג אין אָט דער ריזיקער דראַמאַטישער פּאָעמע: „ליל שפוט השופטים,“ וואו דער מחבר, וועלכער איז וואַרשיינלעך פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן פון שאלתיאל, שטייט פאַרן בית־דין של מעלה און לייגט אַרויס זיינע טענות. אָבער דאָס איז נישט בלויז קיין אויסטערנהן זיך, דאָס איז נאָר אַזאַ פאָרם אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דעם מחברס ביאָגראַפיע, זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין וועלט־באַנעמונג. ער חוזקט אָפּ פון זיך אַליין און ער פייניקט זיך אויף דעם, וואָס אים איז שווער נאָכן גרויסן אומגליק צו גלייבן אין השגחה פּרטית, הגם ער ווייסט אַז:

אמת היא זה? יש זכר לכל טיט,
יש השארות פרטית שבפרטית,
ובכן גם השגחה פרטית קימת,
השגחה על פגר של ירבוע,
השגחה על מגרפות־רעי,
השגחה על כל ענן קרוע,
השגחה על הפנים בראי,
ועל כל ישות שומה חותמת
גורלה שלה ודרכה היא —
ומדוע זה איפוא, מדוע
היה גורל־בער כולל־אחד
למליונות בני עמי? איכה אאמין
בהשגחה פרטית, בהשגחת
בורא יחיד — וכל אחד מהם גדוע
רק כחלק הנכלל במין,
מין־היהודים כולו? מדוע לא יוחד
גורל אישי לכל אחד מהם. נכחד המין!
הגרמנים הכריתו מין, השמידו זרע...

נאָר דאַנטעס שילדערונגען פון גיהנום קענען זיך פאַרגלייכן מיט די שניידנדיקע דיאַלאָגן צווישן דעם באַנדיטישן היטלעריסטישן דאָקטער טאָד, וועלכער איז געווען דער סעלעקציאָנער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. און איך וויל דאָ נישט צופיל ציטירן, ווייל אין דער פרייער איבערזעצונג פאַרלירט זיך היפּש צוויי דריטל פון דער שאַרפקייט, שטאַרקייט און ווירטואָזע מייסטערשאַפט. מען דאַרף עס לייענען אין אָריגינאַל. אַן אַרטיקל וועט נישט און קען נישט אַרומנעמען די אַלע פּראָבלעמען, טאָלן און בערג, וועלכע צייטלין הייבט אַלץ אויף אין אָנבליק פון גרויסן גזר.

דער דריטער טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע האָט צו טאָן מיט דער בריחה.

עס הייבט זיך אָן מיט אַן עפּישן אַריינפיר. דאָ ברענגט ער אַראָפּ אַלע זיינע סימבאָלישע פּערסאָנאַזשן, וועלכע האָבן געווירקט אויף די חורבות פון וואַרשע. דאָ אויף דער ערד פון ארץ ישראל, נעמען זיי זיך אָן מיט גלויבן. אָבער אויך דאָ איז פאַראַן דער „מלאך לאו“, דער פאַרלייקענער, פּונקט אַזוי ווי די „קליפּות לעג“ (די קליפּות פון אָפּשפּעטן) ווירקן דאָ ווי די לצים אין שעקספּירס דראַמען און מעפיסטאָפעל אין געטהעס פאַוסט, וואָס פאַרט אַריין אין מיטן פאַוסטעס פילאָסאָפירן מיט אַזאַ מין זאָג:

וויגליקלעך וואָלט זיך דער קאָטער
גערעצט,
ער זאָל נאָר קענען שפּילן אויף
דער לאָטעריע.

אויך אויף דער נייער ערד קען זיך שאלתּיאל נישט באַפרייען פון די גרויזאַמע בילדער פון עבר.

פאַר דעם סאַברע („צבר") איז אַלץ קלאָר:

כן, ואולי נפגשנו במלכות אפרים :
אני שיכור־אפרים, ואתה נביא
כביכול, לביא
האלהים. שטויות נוקבות אָזנים !
צעיר אני בארץ מתחדשת.
חדש אני. אינני בא לרשת
את מי־שהוא. דורות שמתו — מתו.
אינם. נמחו. מה שהיה היה.

אָבער שאלתּיאל האָט דעם גרויזאַמען עבר נישט פאַרגעסן, ער דריקט עס אויס אויף אַ וואונדערלעכן אופן ווי אין אַלע זיינע רעטשיטאַטיוון אין אָט דער אומפאַרגלייכלעכער דראַמאַטישער פּאָעמע :

שני שויתי אשר הם אחד:
שויתי מיידנק לנגדי תמיד—
שויתי משיח לנגדי תמיד.

ווען אהרן צייטלין זאָל אין זיין לעבן נישט געווען אָנשרייבן בלויז ווי אָט די מייסטערהאַפטע פּאָעמע, וואָלט ער אויך אַריין אין דער העברעאישער ליטעראַטור ווי איינער פון אירע גרעסטע מייסטערס. אויסער די קרעפטיקייט פון דער עקספרעסיע, זיינען פאַראַן אָן אַ שיער חידושי־לשון, חידושים טייל מאָל פּאַראַפראַזעס פון תנ"ך, פון תלמוד, פון מדרשים און פון מייסטערס פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אַזוי, למשל, אויף זייט 45 אין שאלתּיאלס רייד:

אָרור היום יולד בו עברי,
והלילה אמר: הורה קרבן־קין.

— גערענקט איר איובס: „והלילה אמר הורה גבר" (איוב ג'). אויף זייט 45, אין די רייד פון ראש בית־דין „אתה נביא שלהות", געפינט איר אַ באַמערקונג „סופות, אחרוניות, הושאל מרמח"ל המשתמש במלה זו בהוראת עיפות." דאָס איז אויסגענוצט אַן אויסדרוק אויף מידקייט וועלכן דער פּאָעט האָט געפונען ביי רבי משה חיים לוצאַטו. און אָן אַ שיער אַנדערע שאַרפזיניקע איינפאַלן, וואָס נאָר אַזאַ געניאַלער זכרון, וואָס אהרן צייטלין באַזיצט, האָט זיי געקענט אויפהיטן אין זיך.

עס איז איינס פון די שטאַרקסטע ביכער נישט נאָר אין דער העברעאישער ליטעראַטור. עס איז אַ בוך אין וועלכע אַלע גרויסע טאַלאַנטן פון אָט דער גרויסער פּאָעטישער און דענקערישער פּערזענלעכקייט, אהרן צייטלין, קומען זיך צונויף! זיין פּאָעטישקייט, זיין שאַרפקייט פון סאַטירע, זיין מוח פון אַן אָריגינעלן דענקער און זיין אומפאַרגלייכלעך וויסן און קענען. עס איז איינער פון די הויפּט־רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון אהרן צייטלינס פאַרצווייגט שאַפן, און צו זיין זיבעציק יעריקן יובילײ — זאָל עס דאָ אָפּגעמערקט ווערן ווי אַ ווערק וואָס וועט זיכער פאַרבלייבן ווי איינער פון די פּערל צווישן די קניני האומה.

## ב.

## „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן"

איך האָב וועגן אהרן צייטלינס גרויס בוך געשריבן אין „צוקונפט", אָבער אַזאַ בוך לאָזט זיך נישט אויסשעפּן מיט קיין באַגרענעצטער רעצענזיע. דו מערקסט אָפּ עטלעכע אַספּעקטן, און עס בלייבט נאָך נישט ווי געהעריק אַנאַליזירט. דאָס איז שייך צו יעדן עכטן פּאָעט, בפרט אַזאַ פּאָעט און דענקער ווי אהרן צייטלין.

איך האָב דער עיקר אָפּגעמערקט, אַז צייטלין, כאָטש ער געהערט אין גרונט צו די אינטעלעקטועלע פּאָעטן, עס הייסט, זיין פּאָעזיע האָט צו טאָן מער מיט דער וועלט פון מחשבה, די אידייען־וועלט, שטייט ער אָבער מיט ביידע פיס אויף דער ערד, און אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז אים ניט פרעמד. דער פּאָעט פון „מטטרון" איז גלייכצייטיק אַן אויסגעצייכנטער דיכטער פון ליבע, פון ליבע ערדישער, פון וועזנס נישט „בת השמים"דיקע. ביי צייטלינען געפינט איר ליבע־לידער וועלכע קענען זיין מוסטערן פון דעם מין אין דער וועלט־פּאָעזיע. דאָס זען מיר באַשיינפּערלעך אין זיין נאָסטאַלגיע צו זיין געליבט וועזן וואָס איז אַזוי רוצחיש אומגעבראַכט געוואָרן.



צייטלין האָט דעם גרויסן טאַלאַנט אָנצוטאָן אידייען אין בלוט און פלייש; זיי לעבן אויף פאַר אונדז. דעם גרויסן חורבן אונדזערן, דעם גרעסטן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, באַווייזט דער מקונן מיט לידער וואָס זיינען פון איין זייט מעדיטאַציעס, ווי למשל דאָס ליד „אָן גאָט און אָן ייד," וואָס ווייזט נישט בלויז חורבן פון ייד, נאָר אויך כביכול חורבן פון גאָט, חורבן פון גאַנצן קאָסמאָס, אָן דעם יידן וואָס דאַרף אַלץ געבן אַ תיקון, זיין דער מיטשאַפער פון דער יצירה :

דער פאַרטאָג האָט זיך צעפלאַקערט
איבער דעם קוואַדראַט פון אַ וואַרשע־
ווער הויף.
אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָטנס
האָט שטיל געטאָן אַ לויף
פון אַלטע ווענט אַראָפּ.
דער בוים, דער איינציקער בוים,
האָט רויט זיך צעלאַכט.
אַ ווינט האָט געבראַכט
ריחות פון גוישע מרחקים.

פאַר ר' בערישן, דעם אַלטן חסיד,
זיינען פויגל און זון און מרחקים
געווען זאַכן פון עכו"ם.
געוואוסט האָט דער אַלטער,
אַז פויגל און זון און די אַלע זאַכן,
וואָס שפּילן, לייכטן און לאַכן
ווי טויזנט גליקן,
וואַרטן מיט הכנעה אַז אַ ייד
זאָל גאָט זיי שענקען. זאָלזיי געבן תיקון.

איז ער געווען פון די ותיקין.
פלעגט ער זיך פעדערן
אַ הייליקן תיקון צו געבן יעדערן:
דעם איינציקן בוים אויפן הויף,
דעם ווינט, דעם פאַרטאָגיקן וואָלקן,
וואָס ברענט
איבער דעם מויערס אַלטע ווענט.
אין זיינע הענט,
די הענט פון אַ שוואַכן בן־אדם,
איז דער שליסל צום טויער געווען —
צום טויער פון חסדים.

וואו איז זיין תפילה? זיין תיקון וואו איז?
מאָרד, מאָרד, מאָרד.
זיין תפילה, זיין וואַרשע, דער ייד אַליין—
אויסער וועלט, אויסער צייט,
אויסער אָרט.
נישטאָ מער דער ייד,
מע הערט נישט זיין קול —
און נישטאָ ווער עס זאָל
געבן אַ זיין דער זון,
שענקען אַ גאָט דעם טאָג.

(לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן
זייט 31).

כ'האָב ציטירט דאָס גאַנצע ליד, וואָס איז אין 36 שורות אַ גאַנצע קאָנצעפּציע, אַ וועלט־אַנשויאונג און גלייכצייטיק פול מיט עכטער פּאָעזיע און מיט מוזיק.

יאָ, מוזיק, איינע פון די וויכטיקע אַטריבוטן, אפשר פון די וויכטיקסטע, מיט וועלכן עס איז געבענטשט אהרן צייטלינס פּאָעזיע. עס גייט נישט בלויז אין דער ווייכער מוזיקאַלישקייט פון זיין ווירטואָזן פערז, פון דעם גראַם, וואָס איז זייער אָפט ניי און איז לייכט, נישט מיט דער ליכטיקייט כלאחר יד, פון נישט האָבן וואָס אָנצוזאָגן; פאַרקערט, נישטאָ ביי אים קיין ליד אין וועלכן עס זאָל נישט זיין באַהאַלטן עפּעס אַ גרויסער געדאַנק אָדער לאַנג דורכגעטראָגענער געפיל, אָבער עפּעס פילט איר, אַז עס זינגט כסדר אין אים, עפּעס אַ מיסטעריעזער ניגון. איר פילט דעם ניגון אפילו אין פערזן וועלכע זיינען נישט געגראַמט, בפרט אין זיין געגראַמט ליד. עס זינגט זיך אַליין, אָן צוגעפּאַסטער מוזיק מיט צוגעלענטע וויעס זינגט עס זיך, מיטן געדאַנק אין דער ווייט, אין דער ווייט פאַרטראַכט ווי דעם „רבס ניגון" (דער ניגון פון ר' שניאור זלמן פון ליאַדי):

אונדזער אָרעמע נעסט האָט אייביק
געציטערט אין ווינט —
וואָס וועט זיין איצט ווען בלוטיק
געוויטערט מיין קינד!
איצט ווען בלוטיק געוויטערט———?

די לעצטע שורה איז דער ווידערקלאַנג פון ניגון, וואָס שטאַרבט אָפּ שטיל — שטיל אין דער ווייט.

טיילמאָל שאַפט ציטלין די טראַגיש־מוזיקאַלישע אַטמאָספערע פון בלויזע נעמען, נעמען פון יידישע קינדערלעך; 36 שורות פון אַ ליד אָנגעפילט מיט קינדערישע נעמען, איר הערט ווי מאַמעס רופן זיי:

נעמען פון יידישע קינדערלעך:
רחלעך, חנהלעך, נעכעלעך,
געצעלעך, וועלוועלעך, ווינדערלעך,
יאַנקעלעך, יונהלעך, מענעלעך.

נעמען, אָט דאָס איז געבליבן נאָר:
דבורהלע, דוואָשעלע, חיהלע,
שמערעלע, פערעלע, סערעלע,
שימעלע, שיעלע, שאַיעלע.

‑ ‑ ‑ וואו איז דיין פיסעלע, זיסעלע?
ציפּעלע, וואו איז דיין צעפּעלע?
רויך ביזטו, יענטעלעס הענטעלע!
אַש ביזטו, קאָפּעלעס קעפּעלע...

„לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן." הייסט דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע בוך נישט אָן אַ זין, ווייל ציטלין איז נאָך אַלע תרעומותן (פונקט ווי אין זיין בוך „בין האש והישע") געבליבן דער גרויסער גלויבער.

עס איז נאָר פאָרגעקומען אַ „ליקוי גאָט", פונקט אַזוי ווי מאַרטין בובערס בוך, וואָס איז דערשינען אַ סך שפּעטער ווי ציטלינס ליד איז דערשינען, רופט זיך „גאָטעס פינסטערניס", אַזוי ווי אַ ליקוי חמה, עס וועט אַריבער.

כ'קען דעם גיהנום פון אַ פאָלק.
נאַכט פון ספירות, נאַכט טאָטאַלע.
כ'קען אַ צייט פון ליקוי־גאָט,
ליקוי גאָט און וועלטן אַלע. (ז' 91)

ביי אים הערט קיין זאַך נישט אויף, ס'איז אַ שטענדיק ווערן. דאָס איז זיין איינציקע טרייסט. איר געפינט דאָס אין דעם קורצן אָבער זייער געפּרעסטן ליד „די געזעגנונג":

„מע האָט דיך אין דיין בעטל
אויפגעוועקט
זיך מיטן טאַטן צו געזעגענען.
האָסטו אויפן וועג מיר מיטגעגעבן
אַ בליק וואָס הערט נישט אויף אין מיר.

צי שטאַמט ניט יענער בליק פון דאָרטן,
וואו ס'האָט קיינמאָל גאָרנישט
אויפגעהערט?
ווי דו אַליין אנאויפהערסט. (ז' 73)

דאָס זעלביקע אינעם ליד אויף זייט 71 „אַ תפילה קאָן איך," וואָס איז אגב דער בעסטער מוסטער, וויפיל מוזיק עס קען זיין פאַרהוילן אין פערזן, וואָס זענען נישט אויסן זיך צו גראַמען און אויב עס איז יאָ דאָ אַ גראַם, איז עס אַ צופעליקער. די מוזיק איז אַן א י נ ע ר ל ע כ ע.

ס'האָט נאָך דער גרויסער פּאָעט און קדוש, ישראל שטערן, הי"ד, באַמערקט ריכטיק אין זיינער אַן עסיי, אַז עכטע רעליגיעזיטעט איז אין תוך רעוואָלוציאָנער, זי איז נישט סטאַטיש. די דינאַמיק באַשטייט זייער אָפט אין זיין בונטאַריש קעגן סדר העולם און „רשע וטוב לו און צדיק ורע לו", אָבער דער לעצטער סד־הכל איז דאָס וואָס איר געפינט אין זיין ליד ת ט ה ר ו (זייט 336):

...און מיר, אַ דור אַ לאָמער און אַ קרומער,
וואָס האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זיין
פאַרמעגן,
וואָס פרעגט און קען צו גאָרנישט
זיך דערפרעגן
און ס'לעשט זיך אים די זון
אין מיטן זומער;
אַ דור וואָס שלאָגט זיין גאָט און
ווערט געשלאָגן,
וואָס קען זיין אייגן פנים נישט
דערקענען —
מיר האָבן נישט קיין כהן וואָס זאָל קענען
מתפלל זיין און ווי דו פאַר אונדז זאָגן,
וואָס ווי אַ דונער אין פאַרמאַכטע טירן,
זאָל אונדז זיין וואָרט אַ קלאַפּ טאָן
אין געהירן:
ת ט ה ר ו!



## ברכה קודלי

# פ י י ג ל פ ו ן ג ן ־ ע ד ן ב ל ו ם

אַ שאַרפער רויש
איינגעשפּאַנט אין שווייגן
פלאַטערט
אין דיינע צעשפּיצטע צווייגן.

צעפאָכעטע פליגל
פון גן־עדן בלום,
אפשר איז אין דיר
אַן איינגעשטילטער פויגל פאַרזיגלט?

אין די קאָלירן פון דיינע גלידער
דרימלט אַ בענקשאַפט צו וואַנדער,
אַזוי ווי ביי די פייגלען
אין זייערע לידער,
וואָס קומען אָן אין פרילינג ווידער—
די פרילינג־טעג צו באַזינגען.

אין דיינע שטרענגע שפּיצן
אַ גאָלדענע פאַסמע זון
טוט אַ דערפריי,
ס'שאָטנט אַ פאַרחלומטער וויאָלעט
און טוט אַ פאַרטרויער,
ווי אַ פאַרבענקטער פאַרנאַכט,

וואָס ציט זיך צום געמיט
פון פּאָעט.

שאָטנס אין סודות פאַרשפינט
לאָזן זיך אַראָפּ צו דיר
צו קניען,
ווינטן שטיפן אַריין אין דיר
אַ כישוף,
וואָס לאָקט דיר צום פליען.

כ'באַריר דיין פלאַטער
מיט מיין האַנט
און ווער אין אַ רעטעניש געשפּאַנט —
אפשר ביזטו
פון אַן עלנטן פויגל אַ שפּור,
אפשר פון ערד
אַ פאַרשטעלטער צייכן?

ס'איז שווער פאַר אַ מענטש
דיין סוד צו דערגרייכן —
אפשר ביזטו מיט אַ שליחות געבענטשט.

מיט שטילע טריט
בלאָנדזשעט אַ דיכטער אַרום דיר—
דו ביזט געוואָרן אַ ליד.

---

איך האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אָפּגעמערקט דעם גרויסן כח פון סאַטירע אין ציטלינס שאַפונג. עס איז איינע פון די הויפּט עלעמענטן אין זיין פּאָעזיע. אָבער די סאַטירע לעשט נישט דעם לירישן אָטעם. איינס האָט נישט צום צווייטן, עס איז נאָר אַ קאָליר צווישן קאָלירן, וואָס באַווייזט די טראַגישע גרויסע פערזענלעכקייט צ י י ט ל י ן. ווען איך לייען אָט די לידער פון סאַטירישן עלעמענט, דערמאָנט זיך מיר נישט איין מאָל יוסף חיים ברענערס רייסן שטיקער פון זיך אַליין, נישט פון שנאה, נאָר פאַרקערט, פון אומגעהויערער ליבשאַפט צום יידישן פאָלק און צום מענטש בכלל. פאַראַן שותפותדיקס אין די ביכער פון אהרן ציטלין. עס זיינען פאַרשיידענע וואַריאַציעס אין אַ סימפאָניע, אָבער נישט קיין איבערחזרונג, פונקט אַזוי ווי אַ גוט אויער וועט אין די וואַריאַציעס פון ב אַ ך דערהערן אין יעדער וואַריאַציע גאָר עפּעס נייעס, אַנדערש.

און די לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן באַשטעטיקן נאָך אַ מאָל די קאָלירפולקייט און גרויס פון אהרן ציטלינס מעכטיקן פּאָעטישן טאַלאַנט.

פינטשע בערמאַן

# דריי לידער

## קלאַפּט דער פרילינג אָן אין האַרצן

קלאַפּט דער פרילינג אָן אין האַרצן,
שטראַלט אין אויג אַריין דער מאַי —
אויך אין תהום אין טיפן שוואַרצן
ווערט דאָרט ליכטער, העל און ניי.

אין צעברויזטער פרייד פון לעבן,
ווען עס יום־טובט דער באַשאַף —
אויך אין נאַכטיקע געוועבן
הענגען זונען — קוק און גאַף.

אין צעשפּרודלטע מינוטן,
פון צעהאָפּערטן געמיט —
אויך אין אויסגעלאָשן בלוטן
הייבט אָן טליען דאָרט אַ ליד.

מיט בטחון פול און מונטער
ווערט אויך יאושדיק געצעלט,
אין דעם צויבער, אין דעם וואונדער
פון גאָטס אויפגעוואַכטער וועלט.

## פאַראַנען הערצער

פאַראַנען הערצער, וואָס זיי פּיינען נאָך אַ טרייסט־וואָרט און אַ גלעט,
ווי די זאַנגען אויף די פעלדער, ווען דער רעגן קומט צו שפּעט.

פאַראַנען הערצער— שטומע פייגל — קיינער הערט ניט זייער קלאַנג,
ווי די מאַמע אין איר טרויער, ווי די טויבן אין געפאַנג.

פאַראַנען הערצער, וואָס זיי זינגען תמיד, תמיד, פריש און פריי,
ווי די פייגלען אין פאַרטאָגן, ווי די פעלדער אָנהייב מאַי.

פאַראַנען הערצער, וואָס זיי שרייען און זיי תפילהן אין דער הויך,
ווי די קראָען אויף די דעכער, ווי דער ווינט אין שטויב און רויך.

פאַראַנען הערצער— טרוקן קוואַלן — ניט קיין פרייד, און ניט קיין טרער,
ווי די ביימער אָן די פייגלען, ווי די נעסטן פּוסט און לער.

פאַראַנען הערצער— שטאַרע צעלן — טיר און טויער אויף אַ שלאָס,
ווי די אויגן פון דעם יעגער, ווי דער שיכור ביי זיין כּוס.

פאַראַן אויך הערצער— העלע זונען — וואַרעם, הייס פאַר פּיין און לייד;
צו אָט־די הערצער זינגט אַן אָדע גאָט אַליין, און שטראַלט פאַר פרייד...



## איך זינג ניט פון פריידן

ניט פון צעוויכערטע זוניקע פריידן
צעזינג איך זיך הילכיק אַמאָל;
ניט ווייל עס שמעלצן זיך אַנגסטן און ליידן,
צעברויזט זיך מיין האַרץ אויף אַ קול.

ניט ווייל דער הימל קוקט גנעדיק אַרונטער,
ווערט ליכטיק אַמאָל מיין געמיט;
ניט ווייל די זון פאַרבט מיין בלוט מיט איר צונטער,
גייט אויף אַמאָל זוניק מיין ליד.

איך זינג, ווייל איך וויל ניט דעם שונא באַלוינען
מיט מיין פּיין, וואָס איז אים אַזוי ליב...
איך זינג, און אין האַרצן עס כוואַליען געוויינען,
און מיין געמיט — אַזוי שווער, אַזוי טריב.

איך זינג אויך, ווייל לידער— זיי צינדן אָן שטראַלן
פון אויפקום, פון אויפלעב, פון גליק.
איך זינג, ווייל נצחון איז מיט דעם וואָס געפאַלן,
און הייבט זיך און שטייט אויף צוריק...

נחום סומער / ניו־יאָרק

## יחזקאל בראָנשטיין — דער גרויסער בעל־בטחון

(צום דערשיינען פון זיין בוך: „פרייד פון יצירה")

אין דער זוניק־וואַרעמער קאַליפאָרניע וואוינט דער שריפטשטעלער יחזקאל בראָנשטיין,, און געוואָרן איז ער לעצטנס זיבעציק יאָר יונג, אַ דאַטע וואָס פאַרדינט זיכער אָפּגעמערקט צו ווערן. אָבער אַזוי ווי אָט דער שריפטשטעלער געהערט צו די שטילע, עניוותדיקע שרייבערס ביי אונדז — איז שאַ־שטיל. איז זיין 70 יאָריקער יובל עפּעס פאַרביי אומבאַמערקט אין אונדזערע קולטור־ליטעראַרישע קרייזן. איז עס באמת אַן עוולה גדולה. איז ער דאָך דער מחבר פון אַן ערך דרייצן ספרים. ער איז אַ ווערסאַטילער שרייבער וועלכער איז גאָר פּראָדוקטיוו הן אין ליד און הן אין דעם קינסטלערישן עסיי. זיין צוטראָג אין אונדזער ליטעראַטור־ווירטשאַפט איז אַ גאַנץ באַדייטנדיקער— כאָטש נאָך אַ סך יאָרן איז אָט דער פּראָדוקטיוו־שעפערישער מענטש ניט קיין געוואַלדיקער פיזישער גיבור. שרייבט ער מיר טאַקע אין אַ בריוול לעצטנס, אַז קוים וואָס ער קריכט אַרום אויף די פיס.

אַ מענטש, וואָס די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ שטאַם־גאַסט אין אַלערליי שפּיטאָלן פאַר כלערליי קראַנקייטן, דאַרף מען אים אַוודאי באַוואונדערן, וואָס אונטער שווערע פיזישע אומשטענדן, איז ער דאָך געבליבן דער זעלביקער ראָמאַנטיקער, דער פאַרליבטער אין דער יידיש־ליטעראַטור און אירע שאַפערס. ער איז ביי אונדז דער גרויסער בעל־בטחון. ער לאָזט זיך נישט באַהערשן און אָנשטעקן פון די

סקעפּטישע מחשבות און די גריזשענדיקע
ספקות ווען מע נעמט אינווענטאַר פון
אונדזער ליטעראַרישערווירטשאַפט פאַר
די לעצטע יאָרן.

האָט דאָך אונדזער גרויסער פאָלקס־
חורבן, דער אומברענג פון די זעקס מיליאָן
און דער גייסטיקער גענאָסיד אין סאָציאַ־
ליסטישן גן־עדן גורם געווען, אַז אונ־
דזערס אַ מענטש קאָן נישט אַרומגיין מיט
צופיל פרייד און טריפנדיק האָניק אויף
די ליפּן און זאָגן, אַז ס'איז פריילעך אין
די יידיש־געצעלטן...

דאָך איז בראָנשטיין נישט געוואָרן אָפּ־
העטיק, פּאַטאַליסטיש. ער איז אין תוך
געבליבן דער גרויסער באַיאָער, דער
שטאַרקער מאמין און בעל־בטחון, וואָס
זעט אויפן פּאָן פון גרויסן פאָלקס־בראָך
אַ נייעם אויפקום, אַ המשך פון יידיש־
שאַפערס און געניסער... ער מאַכט אַ
שהחיינו אויף יעדער פּרי אין אונדזער
יידיש־פּרדס. ער נעמט וואַרעם אויף יעדן
נייעם שפּראָץ אין אונדזער גאָרטן. ער
איז דער גרויסער באַיאָער פון יעדן נייעם
שעפערישן כוח. דאָס זאָגן „ניין" איז אין
זיין קריטעריע אַ פרעמדער פלאַנץ, ס'איז
ביי אים לחלוטין אַ פרעמדער עלעמענט.

„די טענדענץ צו באַיאָען די ווערק פון
אומבאַקאַנטע דינט דעריבער דעם צוועק
אַדורכצולעכערן דעם גלייכגילט פון
אונדזערע אַזוי־גערופענע פּראָפעסיאָנעלע
ליטעראַטור־קריטיקער צו אונדזערע יונ־
גע שריפטשטעלער און שרייבערס, וואָס
האָבן אפשר ניט קיין צוטריט צו אונדזער
פּרעסע, אָבער זיינען פאָרט געבענטשט
מיט טאַלאַנט און זיי צווינגען אַרויסצו־
ברענגען זייער אייגענע באַיאָונג און
דורך דעם זיי דערזען און אויך אַ שטויס
טאָן צו ווייטערדיקע שעפערישע מעשים."
(צווישן יאָ און ניין אין אונדזער ליטע־
ראַטור־קריטיק).

זיינען טאַקע אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע
קריטיקערס מבינים שטאַרק מחולק מיט
אים און זיינען להוט אַ ביסל אָפּצופרעגן
זיין צו שטאַרק אָפּטימיסטישע מבינות־
זאָגעריי און פאַרליבטקייט אין יעדן איי־
נעם וואָס באַווייזט זיך ביי אונדז מיט אַ
בוך צווישן טאָוולען. זיי פרעגן אָפּ זיין

מבינות אויפן סמך וואָס מ'קאָן דאָך נישט
אויפנעמען יעדער פּאָעטישע התגלות מיט
דער זעלביקער מאָס, מיט דער זעלביקער
באַגייסטערונג און חסידישן פלאַטער.
ס'זיינען דאָך פאַראַן מדרגות. מ'קאָן נישט
נעמען אַלע טאַלאַנטן — אפילו ווען זיי
זיינען טאַלאַנטן — אונטער איין טלית.
מ'קאָן דאָך ניט שרייבן מיט דער זעלבי־
קער פאַרליבטקייט וועגן לייוויקס פּאָע־
טישן גאַנג אין אונדזער ליטעראַטור ווי
מ'טוט עס גלייכצייטיק אין זעלביקן אָטעם
און ריטם וועגן אַ מינאָרן פּאָעט, וואָס איז
נאָך אַ היפּשער שטאַמלער און איז נאָך
ווייט נישט רייף אין דער ראַפינירטקייט
פון דער פּאָעטישער לעקסיק. אַזוי אומ־
געפער גייען די טענות צו אים.

ווייס ער פון אָט־די טענות צו אים.
האַלט ער אָבער פון כלל, אַז ס'איז בעסער
און געזונטער פאַר דעם וואוקס פון נייע
טאַלאַנטן אַ ביסל איבערצוכאַפּן אין דער
פּראָפּאָרץ פון אָפּשאַץ, איידער פּראָסטיקן
גלייכגילט און פאַרשווייגעניש וואָס פרוס־
טרירט און אַנטמוטיקט די כוחות. מיר
קאָנען זיך נישט פאַרגלייכן מיט אַנדערע
ליטעראַטורן, מיר מוזן דערמוטיקן די
נאָכקומענדיקע דורות שאַפערס, ווייל
אונטער דער האַק פון גורל זיינען מיר
אַזוי שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן...

אַוודאי איז ער גערעכט, אַז דער קרי־
טיקער דאַרף קאָנען שטיין אויף אייגענע
פיס. קריטיק דאַרף זיין ליריש־יחידיש און
נישט צו שטייף אָנגעקראָכמאַליעט... מיר
געפעלט אויך נישט דער קריטיקער וואָס
פּרעטענדירט צו זיין דער פּוסק־אחרון און
וואָס זוכט אַרויסצוהייבן דעם קלענסטן מי־
נוס אָנשטאָט אָנווייזן אויף מעלות, אויף
פלוסן. מ'דאַרף נישט רק אַרומגיין מיט
אַ לאַמטערן זוכנדיק אומפּערפעקטקייטן
ביים מחבר אין זיין יצירה. ס'מיינט חס־
וחלילה נישט אַז מ'דאַרף דערמוטיקן
הפקרות און ווילדגראָז. אָבער בעסער צו
זינדיקן מיט חסידישער התלהבות איידער
מיט מתנגדישער געפרוירנקייט...

אין אָט דעם בוך האָב איך אויך הנאה
געהאַט פון זיינע פּען־פּאָרטרעטן: מענטשן
וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיין לעבנס־
וועג און וואָס ער האָט אינטים געקאָנט.



ס'רוב זיינען עס מענטשן פון גייסט און
דער עיקר — שיינע מענטשן, מיטן אויס־
נאַם פון שלמה שמולעוויטש, דער פאָלקס־
דיכטער, מחבר פון „אַ בריוועלע דער
מאַמען", וואָס טאַקע אין זכות פון אָט
דעם סענטימענטאַלן פאָלקס־ליד איז ער
געבליבן אין זכרון פון אונדזער ליטעראַ־
טור. ער דערמאָנט יצחק האָראָוויצן,
דעם גאָר פיינעם עסייאיסט און מעמואַ־
ריסט, וואָס איך האָב אויך גוט געקענט.
ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש
און גוטער חבר. איז אַוודאי גוט וואָס
בראָנשטיין דערמאָנט זיך אָן אים. מ'האָט
אים כמעט ווי נישט אָפּגעשאַצט ביים
לעבן און איצט איז ער שוין כמעט אַ
פאַרגעסענער...

און ווען מען געדענקט מען יאָ אין אונ־
דזער אָרעמקייט?... גערעכט איז דער
מחבר ווען ער שרייבט אין זיינע אַריינ־
פיר־ווערטער אין דעם עסיי צום 65 יאָרי־
קן יובל פון ה. רויזענבלאַטס פּאָעטישער
התגלות — „עס וואָלט געווען אַ יושר,
אַז דעם פּרינציפּ פון ג ע ד ע נ ק א ו ן
נ י ש ט פ אַ ר ג ע ס (אונטערגע־
שטראָכן פון י. ב.) וואָס מיר ווענדן אָן
אויפן כלל, זאָלן מיר זיך אויך אויסלערנען
אָנצואווענדן אויף דעם פּרט. באַזונדערס
— אויף אונדזערע קינסטלער, וואָס האָבן
אונדז באַדינט ביים לעבן, באַרייכערט
אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע און
נאָך זיך איבערגעלאָזט ווערטפולע און
דויערנדיקע ווערק, ווי זייער יחידישן צו־
שטייער צו אונדזער אַלגעמיינעם קולטור־
אוצר..." יאָ, גערעכטע ווערטער. הלוואי
וואָלט מען זיך אויסגעלערנט אין אונדזער
עולם־קטן אָנצוהאַלטן דעם פּרינציפּ פון
נישט פאַרגעסן די אָפּגעשיידטע פון אונדז;
דערמאָנען זייערע גייסטיקע ירושות כאָטש
ביי יאָרצייטן...

זיינע מיניאַטור־עסייען זיינען אָנגע־
הויכט מיט עלעגיש־האַרבסטיקן געמיט.
דער סטיל איז פון געמיטלעכן טיש־שמועס
אין גייסט פון פּראָווינציעלן עספּרי, עלאָ־
קווענט, סאָפיסטיצירט און דאָך האַלט ער
זיך נאָענט צו אידיאָמאַטישער פאָלקס־
טימלעכקייט.

אין אָט די קליינע עסייען רעדט ער

וועגן גרויסע ענינים. פּראָבלעמען וואָס
מאַטערן דעם בעל־מחשבה זינט דער
מענטש האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון
זיינע אור־פּרימיטיווע היילן. ער רעדט
אַרום אויף זיין סוביעקטיוו־לירישן שטיי־
גער אַזוינע ענינים ווי: אומשטערבלעכ־
קייט, פאַרגאַנגלעכקייט, דער מענטש,
גלויבן, שיינקייט פון דער וועלט, וועגן די
וואָס שווייגן, דער וועג צו גאָט. אַוודאי
זיינען שוין פאַראַן ביבליאָטעקן גאַנצע
וועגן אָט די ווידעראַנאַנדיקע פּראָבלעמען
וואָס קאָנפראָנטירן דעם מענטש און זיינע
מחשבות. איז אויבנאויפיק, קאָן מען
טראַכטן — וואָס פאַר אַ חידושים
קאָן אונדז דער מחבר צוטראָגן אין אָט־די
מיניאַטורן? איז דאָך אַוודאי נישט וויכטיק
צי איר זענט יאָ אָדער נישט מסכים מיט
די גרונט־הנחות פונעם מחבר. דער עיקר
וואָס ער האָט אייך קינסטלעריש אינספּי־
רירט. אינטערעסאַנט ביז־גאָר איז וואָס
יחזקאל בראָנשטיין ברענגט אַריין זיינע
רעפלעקסן אין אָט דעם אַלט־אַלטן אוני־
ווערסאַלן דיאַלאָג. מיר מוזן נישט זיין
אויג־אויף־אויג מיט אים. מ'מוז נישט
דווקא פאָרן מיט אים אויף איין אידייאישן
וואָגן, כדי הנאה צו האָבן און אָפּשאַצן
זיינע שטיל־תפילהדיקע געדאַנקען, מחש־
בות... זיי רעגן אָן צו אייגענע טראַכטע־
שן און רעיונות — איז דאָך דאָס שוין
אַ גאָר גרויסע מעלה.

מיר געפעלט דווקא זיין אָפּטימיסטי־
שער צוגאַנג צו אַלץ און וואָס ער לאָזט
זיך נישט באַוועלטיקן פון דעם פּעסימיזם
ביי אונדז וואָס פּרעסט ווי זשאַווער. ער
האָט די גאָר גרו סע מעלה וואָס ערליידט
נישט פון דער מחלה פון איינזייטיקייט
און סעקטאַנטישקייט. „ער איז אַ פרייער,
זעלבסטשטענדיקער עסייאיסט און ליטע־
ראַטור־קריטיקער, וואָס האָט בלויז איין
אינטערעס: דעם וואוילזיין פון אונדזער
ליטעראַטור — שרייבט ער וועגן דעם
עסייאיסט מ. גראָס־צימערמאַן. איז אָט
דער אָפּשאַץ ווי אָנגעמאָסטן וועגן אים
אַליין.

מיר ווינטשן דעם מחבר נאָך אַ סך,
אַ סך געזונטע יאָרן און זאָל ער אונדז
נאָך מהנה זיין פון זיינע „שעפעריש־
קינסטלערישע מעשים טובים."

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

# די באַלפור דעקלאַראַציע

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

מיך דערמאָנט די באַלפור דעקלאַראַציע דאָס טופּען אויפן דיל איבער מיין קאָפּ פון אַ שווער־לייביקן מענטש, וואָס האָט געטאַנצט פאַר פרייד, אין דער רעדאַקציע פון אונדזער לאָנדאָנער יידישע טאָג־צייטונג „די צייט". דער מענטש, וואָס האָט געטאַנצט, איז געווען דער רעדאַקטאָר, מאָריס מייער, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אַנאַרכיסט, שפּעטער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, און איז דערנאָך געוואָרן אַ פּועל־ציוניסט. דאָס האָט ער אַזוי געטאַנצט בעת איך בין אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע, וואו איך בין געווען אַן אינעווייניקער מיטאַרבעטער. איך בין אַרויף די טרעפּ אין רעדאַקציע־צימער.

„לעפּטוויטש, מיר האָבן אַ יידנשטאַט! משיחס צייט!..." האָט ער צו מיר אויסגערופן ווען איך בין אַריין אין רעדאַקציע־צימער, און ער האָט מיך אַריינגענומען אין טאַנץ.

„משיח איז געקומען!" דאָס איז דענסטמאָל געווען די שטימונג אין ווייטשעפּל. און ישראל זאַנגוויל, דער טעריטאָריאַליסט, איז אויך געווען באַגייסטערט און אין זיינער אַ רעדע האָט ער דערציילט, אַז אין די שולן אין אָדעס האָט מען אויפן וואונטש פון אוסישקין, געבלאָזן „שופר של משיח."

איך בין געווען אין דער גרויסער דעמאָנסטראַציע אין לאָנדאָנער אָפּעראַ־הויז אין דעצעמבער 1917, גענוי אַ חודש נאָך דעם ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. לאָרד ראָטשילד, צו וועמען די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַדרעסירט געוואָרן, איז געווען דער יושב־ראש פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע. איך געדענק עס גוט. געווען אַ משיח־שטימונג ביים עולם, ביי די טויזנטער יידן וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט.

„דזשודעאַ — ער האָט צוריק אויפגעלעבט מלכות יהודה," האָט לאָרד ראָטשילד געזאָגט. „דזשודעאַ פאַר די יידן", האָט דאָרט אויך דערקלערט לאָרד באַלפורס קוזין, לאָרד ראָבערט סעסיל, וועלכער איז דעמאָלט אויך געווען אַ מיטגליד פון דער ענגלישער רעגירונג, וואו לאָיד דזשאָרדזש איז געווען דער פּרעמיער, און באַלפור — אויסערן־מיניסטער.

אַגב, לאָרד סעסילס פאָטער, לאָרד סאַליסבורי, איז געווען דער פּרעמיער וואָס זיין רעגירונג, וועלכע האָט אויך איינגעשלאָסן זיין פּלימעניק באַלפור, און הערצלס פריינט, טשעמבערליין — האָט פאָרגעלייגט הערצלען אוגאַנדע. דער זעלביקער סאַליסבורי איז אַמאָל געווען אויסערן־מיניסטער ביי דיזראַעלי. הערצלס פּאָליטישער ציוניזם איז געקומען צו שפּעט צו קענען אַריינציען דיזראַעלין אין זיינע פאַרהאַנדלונגען.

דיזראַעלי איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פריער. נאָר מ'קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג „דער אַלטער יודע" וואָלט אַרויסגעוויזן פאַר דעם געדאַנק ווידער אויפצובויען די יידישע מלוכה אין ארץ ישראל.

„אין זיין אמתער נאַטור איז דיזראַעלי שטענדיק געבליבן אַ ייד," האָט געשריבן וועגן אים זיין ביאָגראַפיסט פרוד. ער האָט געלעבט מיט משיחישע האָפענונגען. זיין „אַלרוי" און זיין „טאַנקרעד" זיינען ציוניסטישע ווערק. אַזוי ווי דזשאָרדזש עליאָטס „דעראָנדאַ."

אויף דעם גרויסן יום־טוב אין לאָנדאָנער אָפּעראַ־הויז צו פייערן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט אויך גערעדט זאַנגוויל. „מיר האָבן דערלעבט", האָט ער געזאָגט, „צו זען דאָס בלוטיקע צאַריסטישע קעניגרייך צעפאַלן, און די בערג פון ציון רופן אונדז אַהין."

בלויז נאָר וואָס זאַנגוויל האָט ניט אין גאַנצן געגלויבט באַלפורס פריינדשאַפט צו יידן, ווייל זאַנגוויל האָט געדענקט אַז ווען באַלפור איז געווען פּרעמיער, נאָך זיין אָנקל סאַליסבוריס טויט, האָט ער איינגעפירט אַ „פרעמדן־געזעץ", וואָס האָט געצילט אויסצושליסן יידן אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, ניט אַריינלאָזן זיי ווי אימיגראַנטן קיין ענגלאַנד. באַלפור האָט געהאַט באַשטימט די „פרעמדן־קאָמיסיע" וואָס הערצל איז פאַר איר געקומען עדות זאָגן, און ישראל זאַנגוויל און אַנדערע האָבן יאָרן לאַנג געקעמפט קעגן די דאָזיקע אַנטי־יידישע איינוואַנדערונגס־באַשרענקונגען. יידן האָבן דעמאָלט אָפן גערעדט וועגן באַלפור ווי אַן אַנטיסעמיט.



אויך אַנדערע האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו באַלפור. די אירלענדער האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין פאַר זיין „שטאַרקע האַנט" אין אירלאַנד. „בלוטיקער באַלפור," האָבן זיי אים גערופן.

דער אַמעריקאַנער גלח, דזשיימס האָלמס, אַן איבערגעגעבענער יידן־פריינד און ציוניסט, האָט געשריבן, אַז ער פאַרשטייט ניט ווי אַזוי יידן קענען פון דעם רשע מאַכן אַ צדיק. „אַז ענגלאַנדס פּאָליטיק וועט עס פאַרלאַנגען פון אים, וועט ער רודפן די יידן אין ארץ ישראל פּונקט ווי ער האָט גערודפט די אירלענדער אין אירלאַנד. דער מענטש קען ניט זיין דער שליח וואָס וועט ברענגען משיח."

אָבער אין ענין ציוניזם האָט באַלפור באמת אַרויסגעוויזן זיך ווי אַ געטרייער פריינד, אַ הייסער ציוניסט. אָבער אפילו אין דעם פּרט האָט זאַנגוויל, למשל, ניט געקענט אין גאַנצן גלייבן, אַז ער טוט עס אָן זייטיקע כוונות. „ער האַלט", האָט זאַנגוויל וועגן אים געשריבן, „אַז די יידן זיינען אַ פרעמד־קערפּער אין אייראָפּע, און אַז מען דאַרף פון זיי פּטור ווערן קיין אַזיע. אויב באַלפורס ציוניזם צילט דערצו, אַז די מערב־וועלט זאָל זיך קענען באַפרייען פון אונדז יידן ווי אַ פרעמד־קערפּער, זיינען מיר עס אים מוחל."

זאַנגוויל האָט די זאַך געזען אַזוי אויך ווען ה. ג. וועלס האָט אים געשריבן אין 1914, ווען טערקיי איז אַריין אין קריג, אַז „איצט קענען די יידן באַקומען ארץ ישראל און צוריקשטעלן אַן אמתע מלכות יהודה."

„מיר וועלן זיין דאַנקבאַר ענגלאַנד," האָט זאַנגוויל אים געענטפערט," ווען זי זאָל דאָס דורכפירן. אָבער נאָר ווען עס זאָל זיין יידן־פריינדלעך, ניט יידן־פיינטלעך, ניט כדי פּטור צו ווערן פון אונדז דאָ."

מיר איז אויסגעקומען, ווען באַלפור איז געשטאָרבן, צו דערמאָנען אין אַן אַרטיקל, וואָס דער וואַרשעווער „מאָמענט" האָט געדרוקט, אָט די פאָרגעשיכטע באַלפורס, זיין אַנטיסעמיטישן שם. אָבער באַלפורס שטעלונג, פון דער צייט פון דער באַלפורס דעקלאַראַציע ביז זיין טויט, איז געווען דורכויס אַ קאָנסעקווענטע פּראָ־יידישע, אַ פעסטע ציוניסטישע שטעלונג.

און זאַנגוויל האָט סוף־כל־סוף מסכים געווען: „איצט איז קלאָר, אַז באַלפור האָט עס געמיינט ערלעך, צוריקצוגעבן ארץ ישראל צו די יידן." באַלפורס פּלימעניצע בלאַנש דוגדייל, וואָס האָט געשריבן זיין ביאָגראַפיע, האָט אונדז דערציילט, אַז אויפן טויטן־בעט האָט ער איר געזאָגט, אַז קיין זאַך וואָס ער האָט געטאָן אין זיין לעבן וועט ניט האָבן אַזאַ שטענדיקן ווערט ווי זיין אויפטו לטובת דער יידישער נאַציאָנאַלער זאַך."

באַלפור האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין ציוניזם. דאָס יידישע ארץ־ישראל איז געוואָרן זיין זאַך. ער האָט געקעמפט דערפאַר און גערעדט דערפאַר. ביי מיר געפינט זיך אַ ביכל פון 130 זייטן — ציוניסטישע רעדעס, וואָס באַלפור האָט געהאַלטן אין משך פון יאָרן אין פּאַרלאַמענט, אויף ציוניסטישע דעמאָנסטראַציעס, אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל. דער מענטש איז געוואָרן אַ הייסער פריינד. מען קען אין דעם פּרט צו אים קיין טענות ניט האָבן.

„דאָ וואו מיר שטייען איצט," האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע ביים עפענען דעם ירושלימער אוניווערסיטעט אין 1925, „דאָ וואו מיר שטייען איצט זעען מיר דעם סוף, אָדער וואָס ס'האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין דער סוף פון יידישן פאָלק, און פון דעם שייכות פון יידישן פאָלק מיט דעם לאַנד וואָס זיי האָבן געמאַכט באַרימט. נו, ס'האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. דאָס לעבן וואָס האָט זיך דאָ געענדיקט פיל הונדערטער יאָרן צוריק, הייבט זיך ווידער אָן פון דאָס ניי אין דער אוראַלטער היים פון יידישן פאָלק."

אַז איך רייד וועגן דער דערעפענונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט, דערמאָן איך זיך אַ פערזענלעך קאַפּיטל וועגן באַל־

פור. שמואל לאַנדמאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט געפּועלט ביי באַלפור, אַז ער זאָל לאָזן דעם גרויסן יידישן סקולפּטאָר גליצנשטיין, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין לאָנדאָן, מאַכן אַ פּאָרטרעט־בוסט פון אים אין בראָנז, צו שטיין אין איינעם פון די זאַלן פון אוניווערסיטעט.

איך האָב דעמאָלט געוואוינט מיט גליצנשטיין אין איין שטוב, האָב איך געזען ווי באַלפור איז געקומען אין אַטעליע פּאָזירן פאַר גליצנשטיינען. איך האָב געזען ווי דער בוסט פאָרמירט זיך, ווי דאָס ליים איז געוואָרן אַ לעבעדיקע זאַך. ס'איז געוואָרן אויסגעשטעלט אין דער קעניגלעכער אַקאַדעמיע. און איך בין געגאַנגען מיט ד"ר דזשאָרדזש האַלפּערן, איינער פון די ציוניסטישע פירער, איינאָרדענען אַז דער בוסט זאָל טראַנספּאָרטירט ווערן קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט אים, כדי צו זיין דאָרט אין צייט פון דער דערעפענונג.

ליידער איז דער גורל פון ארץ ישראל ניט געבליבן אין באַלפורס הענט. אין 1922 איז ער געוואָרן אויס אויסערן־מיניסטער, אַרויס פון דער רעגירונג. די נייע מיניסטאָרן זיינען געווען קאַלט צו דעם געדאַנק פון אַ „יידן־שטאַט." אין 1920 האָט זיך די ענגלישע פּאָליטיק בנוגע ישראל געביטן. די ענגלישע באַאַמטע אין לאַנד האָבן אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן. די אַראַבער האָבן זיך גענומען בונטעווען קעגן די יידן, זיי האָבן דעמאָנסטרירט אין די גאַסן, געשריגן — „די ענגלישע רעגירונג איז מיט אונדז!"

פּסח־צייט, 1921, האָבן די אַראַבער גענומען פּאָגראָמירן יידן. דאָס זיינען געווען די 1921 פּאָגראָמען, אין וועלכע ברענער איז געווען איינער פון די קרבנות און זשאַבאָטינסקי איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה, ווייל ער האָט אָרגאַנירט אַ יידישן זעלבסטשוץ.

איך בין גראָד געווען מיט זאַנגוויל און גליצענשטיין און פּראָפעסאָר יהודה ביי אַ רעפּעראַט וואָס איינשטיין האָט געהאַלטן אין קינגס קאָלעדזש, אַ פּאָר מינוט גאַנג פון זאַנגווילס וואוינונג אין „טעמפּל". מיר — גליצענשטיין, יהודה און איך, זיינען געגאַנגען מיט זאַנגווילן אַהיים צו אים פאַר טיי. ווען מיר זיינען אַריין אין שטוב, האָט פרוי זאַנגוויל אונדז געוויזן אַ טעלעגראַמע, וואָס איז אָנגעקומען פאַר זאַנגווילן פון ארץ ישראל, מיט די נייעס פון די פּאָגראָמען דאָרט.

זאַנגוויל האָט דערמאָנט דעם „שופר המשיח", וואָס אוסישקין האָט געהייסן בלאָזן אין אָדעס, ווען די באַלפור דעקלאַראַציע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. „דער משיח חלום", האָט זאַנגוויל געזאָגט, „איז צערונען געוואָרן אין בלוט."

עס איז געקומען צו אַ נייער ווענדונג אין דער ענגלישער פּאָליטיק. מען האָט גענומען חנפענען די אַראַבער. די אַרבעטער־פּאַרטיי רעגירונג פון מאַקדאָנאַלד, מיט לאָרד פּאַספילד, ווי דער קאָלאָניאַל מיניסטער, האָט כמעט אָפּגעשאַפט דעם יידישן אינהאַלט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. שפּעטער, אין דער אַטלי רעגירונג, האָט בעווין אין גאַנצן צעריסן די באַלפור־דעקלאַראַציע, דערקלערט קריג קעגן דעם יידישן ישראל.

נאָך די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין 1964, ווען דער היינטיקער פּרעמיער, האַראָלד ווילסאָן, איז אַריין אין מאַכט, האָב איך געדרוקט אַן אַרטיקל און אויסגעדריקט מיין מורא, אַז די אַרבעטער פּאַרטיי־רעגירונג וועט זיך אַרויסווייזן, צום 3טן מאָל, ניט קוקנדיק אויף אירע הבטחות צו די פּועלי־ציון, פּונקט אַזוי אַנטי־ציוניסטיש ווי פּאַספילד און בעווין.

מיר האָט דעמאָלט איינער פון די פּועלי־ציון פירערס געשריבן אַ בריוו, אַז דאָס מאָל ווייסט ער, וועט זיך דאָס ניט איבערחזרן. עס האָט זיך אָבער פּאָרט איבערגעחזרט. צו פּאַספילד און בעווין איז צוגעקומען בראַון. דווקא צווישן די „לינקע" עלעמענטן אין דער אַרבעטער פּאַרטיי געפינען זיך „פריינד פון די אַראַבער", פּאַרטיידיקערס פון נאַסער, שונאים פון ישראל, שונאים פון יידן. האָט דאָך דער ייד שינוועל, דער איבער 80־יאָריקער געוועזענער מיניסטער אין דער אַטלי־רעגירונג, געזאָגט, אַז בראַונס פּאָליטיק איז „אַנטיסעמיטיש."

איצט, צו די פופציק יאָר פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט איינער פון



די „לינקע" פריינד פון דעם „פּראָגרעסיוון" נאַסער, געדרוקט אַן אינטערוויו אין „טיימס", זיינעם אַ נייעם אינטערוויו אין קאַירא מיט נאַסערן. וואָרענען זיי — נאַסער און דער „לינקער" סאָציאַליסט, אַ געוועזענער אַרבעטער רעגירונג מיניסטער, סיר דינגל פוט, אַז אויב די יידן וועלן ניט אָפּגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דעם „זעקס־טאָגיקן קריג", וועלן זיי זיך „גראָבן אַליין אַ גרוב, אַ קבר." ער זאָגט, אַז נאַסער וויל דורכפירן „אַ מעסיקע פּאָליטיק, נאָר אויב די יידן וועלן ניט נאָכגעבן, וועלן די אַראַבישע פעלקער זיך ניט לאָזן מעסיקן." „די יידן האָבן", זאָגט סיר דינגל פוט, „דעם לעצטן שאַנס. עס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס ישראל איז שטאַרקער."

ס'איז אפשר פאַרשטענדלעך, אַז די ענגלישע „לינקע" סאָציאַליסטן מאַכן מיט די פּאָליטיק פון זייערע חברים, די „לינקע" סאָוועטישע קאָמוניסטן. און די באַלפור דעקראַציע ליגט היינט אין זייערע הענט. דער גאַנצער באַדייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אַזוי ווי די ענגלישע רעגירונג פון פאַר 50 יאָרן האָט עס פאַרשטאַנען, האָט זיך געביטן. איז פון דער דאָזיקער באַלפור־דעקלאַראַציע אַרויסגעוואַקסן די היינטיקע מדינת ישראל.

איך בין דעמאָלט, מיט פופציק יאָר צוריק, געווען איינער פון די וואָס האָבן מיטגעלעבט און מיטגעפרייט זיך ווען די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געגעבן געוואָרן. איך האָב געקענט און גערעדט מיט די אַלע פּערזענלעכקייטן, יידישע און ניט־יידישע, וואָס האָבן געהאַט אַ האַנט אין דער דעקלאַראַציע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין די פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן דערפירט צו דער דעקלאַראַציע: באַלפור, לאָרד סעסיל, ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו, זאַנגוויל, סאַמועל און גרינבערג, דער רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל", וואָס איז געווען הערצלס פאַרטרויאונגסמאַן אין ענגלאַנד; דזשאָזעף כהן און ד"ר משה גאַסטער, אידער און זשאַבאָטינסקי, וואָס זיין יידישער לעגיאָן האָט באַוויזן אַז מיר קענען אויך קעמפן פאַר ישראל.

אָבער פון דעם אַלעמען איז מיר געבליבן דאָס איינדרוקפולסטע אין זכרון, דאָס בילד פון דעם רעדאַקטאָר מאָריס מייער, אין דער ווייטשעפּעלער רעדאַקציע פון „די צייט", ווי ער האָט געטאַנצט און צעעפנט פאַר מיר די אָרעמס — „קום טאַנצן, לעפּטוויטש! מיר האָבן אַ יידנשטאַט! משיח איז געקומען!"

מאיר אייזענדאָרף

# אין אַ פרילינג־נאַכט

(שורות פון דער פּאָעמע „קינדער־לעבן")

אירע טונקל־ווייכע פליגלען
האָט אויסגעשפּרייט די נאַכט.
אונטערן שימער פון די שטערן
ליגן באַרג און טאָל פאַרטראַכט.

רואיק שטייען זיך די ביימער
ווי די שומרים אויפן וועג
ביי די זייטן פון אַלייע
וועלכע ציט זיך ווייט אַוועק.

פון דער לאָנקע לעבן וועלדל
דופטן ריחות אַלערליי,
פון די זאַנפטע פרילינג־בלומען
און פריש אָפּגעשניטן היי.

הינטערן וועלדל די לבנה
גייט אַרויס גאַנץ שטיל, געלאַסן,
און באַדעקט די גראָז, די ביימער
מיט אַ מילדן בליק אַ בלאַסן.

און דאָס דערפל אויפן בערגל
ליגט זיך רואיק, ווי פאַרשטומט;
אַלץ זיך רוט אין שלאָף אין זיסן,
זעלטן ווען אַ פליגל זשומט.

בלויז דער צויבער־קינסטלער סאָלאָוויי
אויף אַ צווייגל טרילט און שאַלט,
און אַ שטראַלנדיקער שטערן
פון די הימלען לאַנגזאַם פאַלט.

י. פּאַפּיערניקאָוו / ירושלים

# אין די בערג ירושלימס

א.

בערג מיט בערג, בערג מיט בערג —
אויפגעלאָפּענע און נאַקעטע
און איך — צווישן זיי — אַ שטויבעלע
אַרומגענומען ווי מיט פעסטונגען —
גיי איינגעמען דאָס שווערסטע
און דאָס הייליקסטע:
גאָטס שטאָט — ירושלים.

ב.

בערג מיט אַקסלען און מיט פּלייצעס,
שניידן מיט די שאַרף־האָרבאַטע רוקנס זיך אַריין
אין ווייסלעכן פונעם אָפּגעקילטן אָוונט־הימל,
ווי פאַרריסענע און שטייפע קעמלען
וואָלטן קאַראַוואַנענווייז, צעשאָטענע,
געצויגן מיט דער נאַכט אויף זיך —
באַלאַגערן די טויערן פון ירושלים.

ג.

צערוקט אייך, בערג! צערוקט אייך! כ'וועל דערשטיקט!
מיך וואַרגט אַ ווילד באַגייסטערונג־געשריי פון מאַכט,
און ס'דאַכט זיך מיר, אַז כ'וואָלט אַצינד אַליין די בערג צערוקט
מיט אור־כוחות פון בראשית אויפגעוואַכט.

צערוקט אייך בערג! ס'איז ענג מיר אייער קייט!
צו הויך פאַרריסן האַלט איר אייערע שטייפע קעפּ
און קוקט זיך איינס דאָס אַנדערע אַריבער בלינדערהייט —
ירושלימס פירנדיקע טרעפּ.

אהודה רונת / תל־אביב

# מאָך

איך קען דעם סוד
פון מאָך,
וואָס וואַקסט אונטערן שטיין.
צו בליען און צו גרינען
אין דעם טעמפּן שיין,
צו אָטעמען און ליבן
אין דער טיף פון תהום.
צו גלאַנצן אין דער פינצטער
אין פאַרשטיקטן צוים.

צו לעבן ווי באַוואַסערט
אָן אַ טראָפּן טוי.

צו טרוימען און צו קלינגען
מיט אַ שטומען „אוי“.
צו זינגען אין דער וויסטקייט,
צו טרייסטן זיך אין צער.
איך ווייס דעם סוד פון דריקונג,
איך קען אים וואונדערבאַר.



אריה פּאָזי

# דאָס געזאַנג פון געזאַנגען וואָס צו שלמה

(אַ קאַפּיטל פון דער נאָוועלע „משיחס קייטן“)

ערגעץ־וואו אויף דעם פּיל־געטראָטענעם וועג, וואָס צווישן אָנהייב און סוף, שטויסט זיך אָן מענטשנס נשמה אויף איבערלעבונג פון איבערלעבונגען. ניט שייך דווקא, אַז נאָר איינע אַזאַ איבערלעבונג קומט צו מענטש — זי קען זיך איבערחזרן אָפּט מאָל און אַ סך מאָל. מענטש איז אָבער צופיל פאַרטאָן אין געווינטלעכע ענינים זיי צו באַנעמען און ווי געהעריק זיי צו שאַצן — אַמאָל דערפאַר, וואָס ער איז נאָך צו־יונג, וואָס ער איז איבערקליגלט, אָדער איבערגעוואקסן דאָס צו דערקענען, און דער מאָמענט ווערט פאַרלוירן.

אָט אַזאַ איבערלעבונג פון איבערלעבונגען איז אין דעם דאָזיקן אָוונט געקומען צו ר י ק ו מ ה. די לבנה האָט דורך די פענצטער פאַרפלייצט איר צימער מיט ליכט. שטיל און פרידן. קיין קלאַנג פון ערגעץ. די לופט האָט קוים געציטערט און אַרומגערינגלט ריקומהן מיט דעם אַראָמאַט פון ציטראָנען און אַנדערע בליטן.

ריקומה איז שטיל אַראָפּ פון דעם שטול אויף וואָס זי איז געזעסן, און פאָרזיכטיק, ניט צו שטערן קיינעמס רו אין איר הויז, וואו אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט זי געוואָלט אַרויס פון הויז. ערשט עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עטוואָס אַזוינס ווי אַ פרויען־געשטאַלט שטייט ביים פענצטער פון איר צימער. דורך דעם פענצטער איז אַריינגעפלאָסן אַ שטראָם לבנה־ליכט, און ווי אַ טייל פון אָט דעם ליכט, אויך אַזוי זילבערדיק און אַזוי דורכזיכטיק, האָט זיך אויסגעטיילט דאָס געשטאַלט. ריקומה האָט זיך אויף דעם איינגעקוקט, געפילט ווי איר האַרץ האָט גענומען קלאַפּן האַסטיקער, שרעק האָט זי איבערגעוועלטיקט, און בכדי זיך אַליין צו באַרואיקן, האָט זי געטראַכט:

„וואָס מיר קען זיך דוכטן... ניט אַנדערש, ס'איז דער כישוף פון דער נאַכט...“

און בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז ס'איז ניט מער ווי דוכטעניש, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און איז נעענטער צוגעקומען צום געשטאַלט און געוואָלט דורכגיין דורך דעם, ווי זי גייט דורך די שטראַלן פון דער לבנה. ערשט זי האָט דערהערט אַ קול, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף איר באַוועגונג:

„שטעל זיך אָפּ. קענסט דורך מיר ניט דורכדרינגען.“

ריקומה האָט אויפגעציטערט, זיך געכאַפּט פאַר דער ברוסט, איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט, און די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פונעם געשטאַלט. ס'איז אויף אַ ווילע געוואָרן אַ שטיל־שוויגן. ריקומה האָט אויף דעם געשטאַלט געקוקט מיט שרעק און פאַרכאַפּטן אָטעם און געוואָלט פאַרשטיין וואָס דאָס איז, און דערביי אויסגעשטעלט די הענט ווי צו ווערן זיך. דאָס געשטאַלט האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט, פון ריקומהן די אויגן ניט אַרונטערגענומען און זי און אירע באַוועגונגען נאָכגעפאָרשט. דערנאָך האָט דאָס געשטאַלט ווידער גענומען ריידן און געזאָגט:

„ביסט איבערגעשראָקן. איך קען עס גרייליך פאַרשטיין. האָסט זיך ניט געריכט מיך צו באַגעגענען און ווייסט ניט ווער און וואָס איך בין. אָבער שרעק זיך ניט, איך וועל דיר קיין בייז ניט ברענגען.“

ערשט איצט איז ריקומה, נאָך מער דערשראָקן, געבליבן שטיין. זי האָט געוואָלט אויסשרייען, אָבער איר קול איז פאַרשטיקט געוואָרן; זי האָט געוואָלט אַנטלויפן און ניט געקאָנט רירן זיך פון אָרט. האָט דאָס געשטאַלט ווידער גענומען ריידן צו איר מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען אַזוי זיס און געמיטלעך, אַז די שרעק האָט ריקומהן אויפגעהערט אַזוי צו גליווערן. און דאָס געשטאַלט האָט געזאָגט:

„איך באַווייז זיך איצט אָפּגעזונדערט פון דיר נאָר בכדי דו זאָלסט מיך דערקענען. דערקענען דאַרפסטו מיך, כדי דעם אמתן באַשייד פון זיך אַליין, ווי אויך פון מיר, צו וויסן. איך וועל דיך צו קיין שלעכטס ניט פירן. פאַרקערט, נאָר גוטס איז מיר באַשערט דיר צו ברענגען. איך

אַנטפּלעק זיך צו דיר, דיר נאָר דערקענטעניש צו ברענגען און דיך אַרויספירן אויף אַן אָנגעצייכנטן וועג."

„אָבער ווער ביסטו און וואָס ביסטו?" האָט ריקומה שוין לשון געפונען אויסצורופן מיט גרויס וואונדער און מיט אַ קול פון שרעק, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ פון איר ניט אָפּגעטאָן.

„ביסט נאָך אַלץ איבערגעשראָקן," האָט דאָס געשטאַלט זי גענומען באַרואיקן, „אָבער דיין מורא איז אומזיסט. איך בין אַ לעבעדיק וועזן. קענסט עס דורך דעם דרינגען, וואָס דו הערסט מיין קול. איך בין מער ניט קיין ערדיש וועזן — קענסט עס אויך דרינגען פון דעם, וואָס איך בין דורכזיכטיק. אָבער זיי רואיק — איך בין ניט קיין בייזקייט. איך אַנטפּלעק זיך צו דיר מיט פריינדשאַפט און מיט אוצרות וואוילזיין."

די שטימע פון דעם געשטאַלט האָט אַזוי באַרואיקנדיק געקלונגען, אַז די שרעק האָט פון ריקומהן זיך שוין גענומען אָפּטאָן. פון דעסטוועגן איז זי נאָך אַלץ פאַרזיכטיק געוועזן און זי האָט געפרעגט:

„ביסט אַ גייסט?"

„אַזוי ווער איך גערופן אויף מענטשלעכן לשון," האָט דאָס געשטאַלט מיט דער זעלביקער זיסער שטימע אויף דעם געענטפערט.

„אַ גייסט פון וועמען און פון וואָס?" האָט ריקומה זיך נאָכגעפרעגט.

„ס'איז מיר שווער אויף דעם דיר צו ענטפערן, אַזוי אַז דו זאָלסט עס קענען גענוי פאַרשטיין. איך וועל אָבער פּרואוון דאָס צו טאָן. איך בין אַמאָל געוועזן די שולמית פון שיר השירים, וואָס צו שלמהן."

„די שולמית פון שיר השירים?" האָט זיך ריקומה נאָך מער געחידושט. „איך האָב שיר השירים ערשט געלייענט און זיין פּראַכט האָט מיך באַהערשט..." איר קול האָט שוין מער ניט געציטערט. זי איז שוין רואיק געוועזן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עטוואָס וואונדערלעכס אַנטפּלעקט זיך דאָ צו איר און אַז קיין בייז דערוואַרט איר ניט. און זי האָט ווייטער גערעדט:

„איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין..."

„ס'איז טאַקע דיר שווער צו פאַרשטיין. איך וועל אָבער פּרואוון דיר גענויער דאָס צו דערקלערן. איך בין די שטימונג, וואָס האָט שלמהן באַגייסטערט זיין־מיין שיר השירים אויסצוזינגען. איך בין די אַנטציקונג און די טיפע ליידנשאַפט פון באַהעפטונג צווישן מאַן און פרוי, וואָס איבערוועלטיקט זיי ביידן. איך בין די אַנטפּלעקונג פון אַנטפּלעקונגען צו גרייכן טיפקייטן, וואָס געוויינטלעכע חושים קענען צו דעם ניט דערגיין, קענען עס ניט דערלאַנגען. איך בין די אויסשפּרייטונג און דערהייבונג, וואָס איז פון געוויינטלעכן אויג פאַרהוילן."

„איך פאַרשטיי ערשט ניט," האָט ריקומה זיך נאָך מער געוואונדערט. איר שרעק האָט זיך איצט שוין אין גאַנצן אָפּגעטאָן און נייגיר האָט זי באַהערשט.

„ביסטו וועזן אָדער נאָר שטימונג?"

„איך בין וועזן, געוויס," האָט דאָס געשטאַלט איר געענטפערט. „איך בין אויך שטימונג פון וועזן. ביידע זאַכן אין איינעם."

„ביסט מענטש אַמאָל געוועזן?" האָט ריקומה נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען.

„אַמאָל געוועזן און אויך איצט פאַרבליבן," האָט דאָס געשטאַלט אויף דעם געענטפערט: „שטימונג איז נאָר אין מענטש. אַנדערש קען מען עס ניט באַגרייפן."

„איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט," האָט ריקומה זיך געקנייטשט דעם שטערן און זיך געוואונדערט.

„וועל איך זיך אָנשטרענגען דיר בעסער געבן צו פאַרשטיין. ווילסט וויסן אויב איך בין אַמאָל אין פלייש און בלוט געוועזן אַריינגעטאָן? דער ענטפער איז, יאָ. ס'איז אַזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט: איך בין די שולמית פון שיר השירים וואָס צו שלמהן."

„ביסטו, הייסט עס, די נשמה פון שולמית?"

„קענסט מיך אַזוי אויפקלערן, אויב דו ווילסט, ווייבאַלד דו קענסט מיך אַנדערש ניט באַגרייפן."

„ביסטו דען אויך אַן אַנדער באַגריף?" האָט ריקומה זיך נאָך אַלץ געחידושט.

„אי יאָ, אי ניין," האָט דאָס געשטאַלט דערקלערט. „איך בין שולמית געוועזן און שולמית בין איך אויך איצט. פלייש און בלוט איז אַמאָל נאָר מיין באַקליידונג געוועזן, פון וואָס איך בין איצט שוין פריי. איך בין אָבער אויך שלמה געוועזן."



דאָ איז ריקומה שוין אין גאַנצן מבולבל געוואָרן: „שולמית און שלמה אין איין נשמה? אָדער אין איין גוף?"

„ניין, צוויי באַזונדערע גופים, אָבער איין נשמה," האָט שולמית איר אויף דעם געענטפערט.

ריקומה איז געווען צעמישט און פאַרווירט און שולמית האָט איר ווידער אויפגעקלערט דעם ענין:

„אַלע גייסטער פון דער וועלט פאַראייניקן אין זיך מאַן און פרוי צוזאַמען. זיי ווערן ערשט דאַן פאַנאַנדערגעטיילט, ווען זיי ווערן געבוירן אויף דער ערד. ווען זיי זיינען זיך זוכה, פאָרן זיי זיך אויף דער ערד און ווערן ווי איין נשמה אין צוויי גופים, וואָס זיינען באַהעפט איינער אָן אַנדערן. זיינען זיי דערצו ניט זוכה, פאָרן זיך צעשפּאָלטענע נשמות צווישנאַנאַנד, באַהעפטן זיך אין גוף, אָבער די נשמות זיינען צעריסן. אַזוי אויך די דורות וואָס זיי ברענגען אַרויס, אויך זיי זיינען צעגלידערט."

ריקומה האָט שוין אָנגעהויבן בעסער און מער פאַרשטיין און איז נאָך מער אָנגעפילט געוואָרן מיט גרויסן חידוש. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר איר עטוואָס אַזוינס, וואָס איז פאַר מענטש נאָך אַלץ אין סוד־סודות איינגעהילט און וואָס אפילו איצט, ביי דער אַנטפּלעקונג, איז עס נאָך אַלץ וואונדער איבער וואונדער. האָט זי שולמיתן נייגעריק גענומען באַטראַכטן און דוכטן האָט זיך איר געדוכט, אַז זי הייבט זי אָן צו דערקענען באמת אַזוי ווי זי איז אין שיר השירים באַזונגען: די שענסטע פון פרויען — שוואַרצלעך, וואָרעם די זון האָט זי אָפּגעברענט. צו אַ פערדין אין פּרעהס רייטוואָגן געגליכן; באַקן אין די קייטלעך זיינען שיין, ווי דער האַלדז אין שנורן מיט פינטלעך פון זילבער; ווי אַ רויז פון שרון, אַ ליליע פון די טאָלן; איר קול איז זיס, איר פּנים שיין; אירע אויגן זיינען טויבן פון איר שלייער אַדורך. אירע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג גלעד; אירע ציין ווי אַ סטאַדע שאָף געטאָקטע; ווי אַ רויט פאָדעם אירע ליפּן; ווי אַן אויפשניט מילגרוים איז איר שלייף, איר האַלדז, ווי דער טורעם פון דוד; אירע צוויי בריסטן ווי צוויי צווילינגס הירשלעך, וואָס פּיטערן זיך צווישן די ליליעס; זי איז די ליבשאַפט אַליין, וואָס בעסער איז איר ליבשאַפט געוועזן פון וויין, וואָס דער ריח פון איר וועזן איז שטאַרקער פון אַלערליי בשמים.

האָט ריקומה געזאָגט: „איך באַנעם שוין דיין געשטאַלט און איך דערקען די שולמית אין דיר. איך דערקען אָבער ניט דעם שלמה אין דיין געשטאַלט. ביסטו איצט אָפּגעשפּאָלטן פון אים?"

„ריכטיק, אָפּגעשפּאָלטן," האָט שולמית איר געריק געענטפערט און פרייד האָט זיך אויסגעדריקט אין איר שטימע, די פרייד וואָס ריקומה הייבט שוין אָן פאַרשטיין.

„פאַרוואָס?" איז ריקומה געווען נייגעריק צו וויסן.

„שלמה און איך ווילן אויסגעפינען דעם סוד פון סודות. מיר באַדאַרפן אין דעם גרייכן אונדזער תיקון. אָבער מיר קענען עס ניט טאָן אינאיינעם. יעדער באַזונדער באַדאַרף עס גרייכן לויט זיין באַזונדערער טבע. מאַן דורך מאַנלעכקייט, פרוי דורך פרוילעכקייט. האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעטיילט. שלמה וואַנדערט אין זיין וועלט, איך אין מיינער. מיין וואָגל האָט מיך אַהער דערפירט."

אַ וואַרעמקייט און אַ ליבשאַפט האָט ריקומהס האַרץ באַנומען צו אָט־דער שולמית. זי האָט שוין אין גאַנצן פאַרלוירן איר פּחד און איר געמיט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט התלהבות. איר איז נאָר איינס געווען אַ גרויסער חידוש און דאָס האָט זיך איר געגלוסט, אַז ס'זאָל פאַרענטפערט ווערן.

„איך דערקאָן דיך איצט, שולמית," האָט זי געזאָגט, „וואָרעם דיין אויסזען איז ווי שלמה האָט דיך באַזונגען. אָבער איך בעט דיך, אַנטפּלעק פאַר מיר — וואָס, גענוי, האָט דיך מיט שלמהן פאַנאַנדערגעטיילט? ס'איז נאָך אַלץ פאַר מיר אַ רעטעניש. האָט איר, ביי אייער ערדישן וועזן, ניט געגרייכט קיין שלימות? ווי געשיקט זיך עס?... איז דען אייך ניט געגעבן די באַשערטקייט צו רוען אינאיינעם אין גן־עדן?"

„ניין, אונדזער רו איז אין גן־עדן נאָך דערווייל ניט באַשערט," האָט שולמית מיט איר זיס קול, וואָס האָט געקלונגען ווי פון אַ פלייט, אָבער וואָס האָט זיך אויך

אויסגעדריקט ווי אַ זיפץ — איר אויף דעם געענטפערט. „באַשערט איז אונדז געוואָרן צו זיין אַן אומרו, צו וואָגלען צווישן הימל און ערד און ערשט דענסטמאָל קומען צו רו, ווען מיר וועלן גרייכן אַ תיקון און צוקומען צו שלימות. איך בין אָבער פון שלמהן געשיידט און קען ניט ריידן וועגן זיין גורל. איך וועל נאָר ריידן וועגן זיך. איך באַדאַרף דורך אַ גילגול, אָדער דורך אַ דיבוק אין אימעצן אַנדערש, אַרויפקומען אויפן ריכטיקן וועג. דעריבער בין איך צו דיר געקומען, ריקומה, אין דיר צו זיין אַ דיבוק — אויב דו וועסט מיך גערן אין זיך אַריינעמען — און מיט דיר איינינעם צו שפּאַנען איבער אַ ריכטיקן, הגם ווייניק געטראָטענעם וועג."

פון אָט דער דערקלערונג איז ריקומה אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. „איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט," האָט זי געזאָגט. „ווי קומט עס אַז דו ביסט אויסגעשטעלט צו וואַנדערן און אין עמיצן אַנדערש צו זיין פאַרהוילן?... דו, שולמית, די באַגייסטערין פון דער שלימותדיקסטער דיכטונג אויף דער וועלט — דאַרפסטו ערשט גרייכן שלימות?"...

אָבער שולמית האָט אָט־די פראַגע ערשט מיט אַן אַנדער פראַגע געקענט פאַרענטפערן. „ווייסטו ניט, ריקומה," האָט זי געזאָגט, „אַז מיין געליבטער, דער זעלביקער שלמה, וואָס האָט אין זיין יוגנט דאָס שענסטע ליד פון פרייד אויסגעזונגען, האָט שפּעטער, אויף דער עלטער, זיין נאָמען אויף קוהלת אומגעביטן און דאָס טיפסטע וויי פון צער און צווייפל אַרויסגעבראַכט?"

„יאָ", האָט ריקומה געענטפערט און נאָך מער חידוש און ניט־פאַרשטענדעניש האָבן אירע געדאַנקען אַרומגענומען. „יאָ, ס'איז אַזוי... איך האָב אָבער קוהלת אָפּגעלייגט אָן אַ זייט... איך האָב אויסגעמיטן דאָס צו לערנען און אין דעם זיך צו פאַרטיפן..."

„דאָס קאָן איך פאַרשטיין," האָט שולמית איר אויף דעם געענטפערט. „דו ווילסט יוגנט־פרייד באַנעמען און פון צער זיך דערווייטערן... ווען איך בין יונג געווען, האָב איך אויך אַזוי געטאָן, און אין דעם טאָקע איז באַשטאַנען מיין זינד... איך האָב שלמהס יוגנט־פרייד צו זיין עלטער־צער דערפירט... דערפאַר האָט ער ווידערשפּעניקט אין מיר און האָט געזאָגט, ‚אַז ביטערער פון טויט איז די פרוי, וואָס איר האַרץ איז פּאַסטקעס און נעצן, אירע הענט זיינען בינדשטיק... דער וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט ווערט אַנטרונען פון איר, און דער זינדיקער ווערט געפאַנגען פון איר...‘ איך האָב באַשטאַנען צו זיין פאַר שלמהן די פרוי פון פרויען... האָב איך איבער דעם אים צו צווייפל געפירט... אין דעם באַשטייט מיין זינד, וואָס איבער מיר האָט ער שפּעטער געמוזט זאָגן, אַז ‚נישטיקייט פון נישטיקייטן, אַלץ איז נישטיקייט‘... איבער אָט דער זינד זיינען די טויערן פון גן־עדן פאַר מיר ניט געעפנט..."

„אָבער וואָס און ווי אַזוי?..." האָט ריקומה מיט דערשטוינונג געפרעגט. „ביסטו אים ניט געטריי געווען?... האָסטו געפעלשט צו אים?..."

„ניין", האָט שולמית מיט אַ זיפץ געזאָגט. „איך האָב צו אים ניט געפעלשט, אָבער געטריי בין איך נאָר צו זיך געווען..."

„וואָס הייסט?" האָט ריקומה ערשט ניט פאַרשטאַנען.

„דערפאַר אַנטפּלעק איך זיך איצט פאַר דיר, דיר דאָס אויפצוקלערן, בכדי דורך דיר מיין דערלייזונג צו באַקומען. איך בין קראַנק פון ליבשאַפט געווען, אָבער די ליבשאַפט איז געווען נאָר אים צו באַגערן. ווען געליבטער האָט צו מיר געהערט, בין איך גליקלעך געווען, און פון קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט געוואוסט און אויך ניט געוואָלט וויסן. אויף מיין געלעגער ביינאַכט האָב איך אים געזוכט און באַשוואָרן די טעכטער פון ירושלים, אים ניט צו וועקן ביז מיין ליבשאַפט וועט אים באַגערן. איך האָב זיין האַרץ געפאַנגען און זי ביי זיך געהאַלטן ביז מיין ליבשאַפט וועט באַגערן. ניט צוליב אים זאָל איך באַגערן, נאָר צוליב מיין אייגענער ליבשאַפט..."

„און דערנאָך?" האָט ריקומה געפרעגט.

„דערנאָך," האָט שולמית טרויעריק געזאָגט, „אַז איך האָב אים שוין באַגערט, שוין געגעסן מיין סאָט מיט מיין האָניק, געטרונקען מיין וויין מיט מיין מילך, און מיין געליבטער האָט אין מיין טיר ווידער אָנגעקלאַפּט, בין איך די טיר ניט גערן



געווען צו עפענען, וואָרעם זאָגן האָב איך געזאָגט: ‚איך האָב אויסגעטאָן מיין העמדל, ווי קען איך עס אָנטאָן? איך האָב געוואַשן מיינע פיס, ווי קען איך זיי איינריכטן?‘"

„האָסטו פאַר אים די טיר ניט געעפנט?" האָט ריקומה מיט חידוש זיך נאָכגעפרעגט.

„איך האָב די טיר יאָ געעפנט..."

„נו, איז וואָס איז געווען?"

„ס'איז געווען," האָט שולמית מיט טרויער געענטפערט, „ווען ער האָט שוין אויך באַגערט... איך האָב געעפנט פאַר מיין געליבטן, אָבער מיין געליבטער איז פאַרשוואונדן, אַוועק... מיין זעל איז אויסגעגאַנגען... איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען, איך האָב אים גערופן און ער האָט ניט געענטפערט..."

„פאַרוואָס?" האָט ריקומה געפרעגט. „האָט ער דיך אויפגעהערט ליב צו האָבן?"

„ס'איז דערפאַר געווען, וואָס מיין ליבשאַפט האָט אים באַגערט, אָבער ניט באַפרוכפּערט... לוסט און ניט דערהייבונג... ניט קיין שאַפונג..."

„האָסטו דען קיין קינדער צו אים ניט געהאַט?" האָט זיך ריקומה געוואונדערט. „אַלע טעכטער פון ירושלים, דערציילט דאָך דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, זיינען געקומען אָנקוקן דעם מלך שלמה אין דער קרוין וואָס זיין מוטער האָט אים באַקרוינט אין טאָג פון זיין חתונה, אין טאָג פון זיין האַרץ־פרייד..."

„איך האָב קינדער צו אים יאָ געהאַט," האָט שולמית געענטפערט. „די קינדער זיינען אָבער נאָר אַ צופאַל געווען, דער צופאַל פון דעם עיקר — דעם באַגער. אונדזער ביידנס באַגער, מיינער און זיינער. דערפאַר זיינען די קינדער ניט דערהויבן געווען. זיי זיינען פון זייער פאָטער אָפּגעשטאַנען אויף אַ גרויסן מהלך. אַ רחבעם נאָר, ניט קיין שלמה... איך בין באַפרוכפּערט פון תאווה געוואָרן, פון מיין תאווה און פון שלמהס תאווה... תאווה איז געווען דערביי און נישט נשמה־לייטערונג... דאָס איז מיין זינד געווען... נשמה לייטערונג האָט מיר געפעלט און קיין נשמה דערהייבונג האָב איך אין מיין געליבטן ניט אַריינגעגעבן..."

„און דעריבער?..." האָט זיך ריקומה נאָכגעפרעגט.

„דעריבער," האָט שולמית טרויעריק געענטפערט, „דעריבער וואָגל איך צווישן צוויי וועלטן, צווישן הימל דערהייבנקייט און ערד דערנידעריקטקייט... בין איך צו דיר, ריקומה, געקומען, זיך אַריינפּאַסן אין דיר ווי אַ דיבוק, מיט דיר זיך צו באַהעפטן, דורך דיר זיך צו לייטערן, איינצופלעכטן תאווה אין דערהייבנקייט, דיך אויפריכטן און דורך דיר אויפגעריכט צו ווערן."

„ווי אַזוי?" האָט ריקומה געפרעגט און זי האָט דערביי דערפילט אַ צוגעבונדנקייט צו דער שולמית־נשמה, אַן אומדערקלערלעכע דערהייבנקייט.

„אָט ווי אַזוי!" האָט שולמית, און שוין באַגייסטערט, אויסגערופן. „הער זיך איין! הערסט דעם קול וואָס דערטראָגט זיך פון מרחקים? דאָס איז אַ קול וואָס רופט צו דיר, צו מיר, צו אַלע פון אונדזער מין! הער זיך איין!"

שולמית האָט דערביי אויפגעהויבן אירע הענט איבער ריקומהס קאָפּ, ווי זי צו בענטשן, איר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן — צו געבן איר ווייטערע זעאונג, איר אַריינגעבלאָזן אין די אויערן — צו שאַפן פאַר איר ווייטן געהער און באַנעם פון דינסטע, אפילו ניט אַרויסגערעדטע קולות. און ווי שולמית האָט דאָס געטאָן, אַזוי האָבן זיך צו ריקומה דערטראָגן טענער פון נגינה, נגינה, וואָס פאַרכאַפּט אַזוי אַז ס'דוכט זיך אַז דער עצם נאַטור פאָלגט עס נאָך — אַז ווען קיין ווינטן זיינען ניטאָ, מאַכט עס ווינטן הערן, ווען קיין רעגן גייט ניט, מאַכט עס רעגענען. עס שטערט די רו אין רואיקע פאַרטאָגן און פאַרטרייבט שלאָף פון די אויגן אין ביינאַכטן.

די נגינה האָט זיך געטראָגן פון אַן איינציקן כלי־זמר, וואָס לאָזט זיך הערן פון דער ווייט, אַ פלייט־מעלאָדיע וואָס ציט זיך אַזוי, אַז ס'פאַרכאַפּט אַלע חושים, וואָס רופט צו ערגעץ און מ'קען דעם ניט אָפּזאָגן.

די נגינה זאָגט, אַז זעלטן גוטס טוט עס ברענגען — אַן אָנצוהערעניש, אַז לבנה־שטראַלן האָבן באַהערשט די בערג, און דאָס איז די רעכטע און פאַרהוילנסטע שעה, ווען אין געשלאָסענע צימערן ווערט דערשטיקנדיק די לופט, מ'דאַרף זיך קערן צום דרויסן, וואו די לופט איז פריי, און

אַרויפקומען אויף די בערג, פון וואַנען די האָריזאָנטן שפּרייטן זיך אויס.

אויף די בערג־הויכן האָבן זיך איצט אָנגעזאַמלט פיל מענטשן — מענער און פרויען. און די לבנה באַשיינט זיי, און דער שיין באַגליקט זיי, און זיי נעמען זיך אָן און לאָזן זיך שוין מער ניט אָפּ, און מ׳איז מזווג זיווגים, און באַשערטע נשמות, וואָס זיינען, צו זייער גרויסן צער, געשיידט געוואָרן בעת זייער באַשערט פון געבוירן צו ווערן, ווערן איצט, צו זייער גרויסער פרייד און באַגייסטערונג, געאייניקט אויפסניי.

פון דעם שפּילן איז ריקומה ווי באַצויבערט געוואָרן. זי האָט די אויגן פאַרמאַכט און אַ טיפער שלאָף האָט זי אַרומגענומען. אָבער אויך שלאָפנדיק איז זי געבליבן שטיין אויף די פיס, זיך ניט גערירט פון אָרט און זיך אויסגעצויגן, זיך געווענדט מיטן פנים צו דער לבנה און מיטן קערפּער אין גאַנצן צו יענער ריכטונג געווען אָנגעריכט. בלאָס באַשיינט איז זי אַזוי געשטאַנען און הוילע הערונג איז זי געווען.

און די נגינה האָט ווידער גערופן, צו איר גערעדט און האָט איר צוגעזאָגט:

אַ נאַכט, וואָס זי איז נאָך קיין מאָל אַזאַ ניט בייגעווען — יונגע מענער זיינען פאַרזאַמלט אויף די בערג. און די יונגע מענער זיינען אויפגעלייגט, און יונגע פרויען פאָלגן נאָך אַלץ וואָס זיי טוען. און די מלאכות וואָס זיי טוען זיינען שוין געענדיקט, און זיי צעשיטן זיך איבער די בערג, און יעדער באַזונדער ווענדט זיך צו זיין דערוויילטער, געאָרעמט גייען זיי זיך פאַנאַנדער אין אַלע ריכטונגען, יעדער פּאָרל ערגעץ אַנדערש צו אַ פון פריער באַשטימטן אָרט. נאָר איינער, און דער אויסדערוויילטסטער פון די יונגע מענער בלייבט עלנט און אָן זיין פּאָר. וואַנדערט ער פאַרטרויערט איבער די בערג, שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם פון די פעלזן, ווי ער וואָלט זיך נאָכגעפרעגט ביים הימל און ביי דער לבנה פון וועגן זיין זיווג; וואו איז זי און ווען וועט זי צו אים קומען? אָן איר איז ער נאָר אַ האַלבקייט. אָן איר קען ער קיין שלימות ניט דערגרייכן און קען גאָרנישט ניט אויפטאָן.

אָבער אים איז דאָך געגעבן אויפצוטאָן זייער פיל. ער איז פאַר דעם געהייליקט פון אויבן. און זי, ריקומה, איז דאָך זיין צווייטער טייל. שטייט ער און קוקט אַרויס אויף איר — פאַרוואָס זאַמט זי זיך און פאַרוואָס קומט זי ניט אַרויס צו אים?...

האָט ריקומה זיך פון איר אָרט אַ לאָז געטאָן און ווי צו לבנה געוואָלט פאַרנעמען זיך צו גיין. אָבער דאָ האָט שולמית קעגן איר די הענט אויסגעשטרעקט און זי פאַרהאַלטן. האָט זי פלוצים ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט און געעפנט אירע אויגן.

„וואָס איז דאָס געווען?" האָט זי דערשטוינט אויסגערופן.. „איך בין ווי באַהערשט געוואָרן... איך האָב ווילן פאַרלוירן... אַ שטורעם האָט מיין אינגעוויד באַהערשט, די גאַנצע פּראַכט פון דער וועלט האָט זיך אין איין פּינטעלע איינגעזאַמלט און אין מיר אַריינגעטאָן... ווער האָט מיך גערופן?.. צו וועמען האָב איך זיך געצויגן?..."

און שולמית האָט איר דערקלערט: „דער רוף, ריקומה, איז ניט צו דיר אַליין געווענדט געווען. ס׳איז דער גרויסער רוף פון דער וועלט פאַר אומענדלעכן באַשאַף, וואָס שטראָמט און הערט ניט אויף."

און שולמית האָט זיך צעזונגען אַזוי צו זאָגן: „דאָס רופט דער אויבן צו דעם אונטן, רופט אים פאַר באַהעפטונג און פאַר ווידמונג. וואָרעם דער אויבן, דאָס איז דער זכר וואָס באַפרוכפּערט און דער אונטן איז די נקבה וואָס ברענגט די פרוכט אַרויס... דאָס איז די אייביקע נגינה פון דער וועלט... גאָט האָט מענטש אין זיין געשטאַלט באַשאַפן, וואָרעם גאָט אַליין איז אחד און זכר און נקבה איז אין אים איינגעהעפט איניינעם... אַזוי איז אויך מענטש: זכר און נקבה איינגעהעפט, ווי הימל און ערד זיינען איינגעהעפט, ווי גוף און נשמה זיינען איינגעהעפט. און געפילן זיינען אוממיטלבאַר, ניט פון אַ באַזונדערן ווילן געטריבן, נאָר פון דעם אייביקן געזעץ, פון וואָס עס הענגט־אָפּ דעם קיום פון דער וועלט. ס׳איז ווי דער שטראָם פון טייך, וואָס פליסט און פליסט און הערט ניט אויף. און דער ים פון דעם אחד איז תמיד פול ביז די ברעגן און אויך ער הערט ניט אויף. און נשמות באַנייען זיך און שטראָמען אָן אויפהער פון דעם קוואַליקן אחד.



דאָס איז דער הייליקער געבאָט פון פרוכפּערקייט, און ווער עס פאַרהאַלט אים איז זיין זינד זייער גרויס. וואָרעם עס פאַרמינערט די געשטאַלט פון אַלע געשטאַלטקייטן און איז גורם, אַז פון דעם גרויסן אחד זאָל די שפע געמינערט ווערן..."

שולמית האָט די דאָזיקע רייד אַרויסגערעדט און זיך איינגעטיפט אין זיך אַליין און אירע אויגן האָבן זיך דערביי צעגלאַנצט מיט באַגייסטערונג און איר גאַנצע געשטאַלטיקייט איז דערביי אַזוי אויפגעלויכטן געוואָרן, אַז דער גאַנצער צימער איז באַהעלט געוואָרן מיט אַן אומגעוויינלעך ליכט, וואָס איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז אַלץ מיט אַנאַנדער האָט זיך מיט דעם אָנגעזאַפּט און פון זיך אַליין אָנגעהויבן אַרויסגעגעבן העלקייט. יעדער זאַך אין צימער איז דורכזיכטיק געוואָרן און ריקומה האָט דערביי דערפילט, אַז אויך זי איז דורכזיכטיק געוואָרן, אַז אַלץ וואָס איז אין איר גייסט ביז איצט געווען פאַרהוילן, הייבט איצט אָן אַנטפּלעקט צו ווערן. אויך האָט זי דערפילט, ווי זי וואָלט זיך געהאַט אָפּגעטאָן פון זיך אַליין און האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַן אומגעהויערן שטח פון דער וועלט, זיך צעשטראַלט מיט אַן אינעווייניקסטער העלקייט, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ שפע, אַז זי באַווירקט די וועלט ניט ווייניקער ווי די וועלט באַווירקט זי. און אירע געדאַנקען, ווי אירע געפילן, האָבן זיך אויך פאַרשאַרפט. האָט זי מיט באַגייסטערונג אויסגערופן צו שולמית:

„איך האָב געזען, איך האָב באַנומען, איך האָב דערפילט. האָסט געזאָגט, ווערסט אַריינדרינגען אין מיר — איך נעם דיך אויף מיט אַנטציקונג. מיין האַרץ, מיין געמיט, מיין זעל זיינען פאַר דיר געעפנט. אָבער ניט ווי אַ דיבוק קום אין מיר אַריין, נאָר ווי אַ באַהעפטונג מיט מיר."

דערנאָך האָט זי זיך באַדענקט, אַ וויילע געשוויגן, צונויפגעקליבן אירע געדאַנקען און האָט ווידער גענומען פרעגן שאלות:

„פונדעסטוועגן איז מיר דער ענין נאָך אַלץ ניט אין גאַנצן קלאָר. דו האָסט דערציילט, אַז דיין און שלמהס אייניקייט האָט זיך פאַר אייער געבורט געשפּאָלטן, און נאָכן געבורט האָט איר, ווי צוויי געליבטע, זיך באַהעפט אויפסניי. שפּעטער איז ווידער געקומען צו אַ שפּאַלטונג און אַזוי פאַנאַנדערגעטיילט זייט איר געבליבן — ער ביי זיין וואָגל און דו ביי דיינעם... איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט..."

האָט שולמית איר נאָך מער גענומען אויפקלערן און איר בעסער צו געבן צו פאַרשטיין:

„עס איז דאָ ליבע און ליבע," האָט זי געזאָגט. „ליבע אין איר פולקייט און ליבע וואָס איז אָפּהענגיק; ליבע אָן אַ פגימה און ליבע וואָס איז באַפלעקט. ווי שאַצט מען אָבער ליבע און ווי ווייסט מען אויב זי איז אָדער ניט אַריינגעטאָן אין ריינקייט? פון אָנהייב האָבן מיר, שלמה און איך, ניט געפרעגט קיין שאלות. אונדזער ליבע האָט אונדז איבערוועלטיקט. זי האָט אין אונדז געשטראָמט אָן אויפהער און קיין פגימות האָבן מיר אין איר ניט געמערקט, וואָרעם מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז פגימות זיינען בכלל דערביי מעגלעך.

„וואָס שייך מיר, איז מיין ליבע געווען דער גלי, וואָס האָט געלויכטן מיט אַ ריינעם קלאָרן ליכט. דאָס איז געווען הנאה, פרייד, גליק, וואָס האָט וויברירט מיט אַ געזאַנג אין מיין האַלדז, אָנגעפילט מיין האַרץ, זיך צעטראָגן איבער מיין גאַנצן וועזן מיט דעם געזאַנג פון געזאַנגען. ס׳איז געווען אַ געפיל פון גליקזעליקייט צו באַלאַנגען און צו פאַרמאָגן און איך האָב געטראָגן מיין קאָפּ געהויבן צום הימל. ס׳איז געווען גוט, מיט דער גוטסקייט צו פילן זיך געזונט, גאַנץ און שטאַרק. ס׳איז געווען זיס, מיט דער זיסקייט וואָס צעגייט זיך און פליסט.

ס׳איז געווען פרידן, ווי ווען די נשמה גייט אויס אין דער מתיקות פון תפילה. ס׳איז געווען די שלימות וואָס מענטש קען נאָר ווען גרייכן און זיך ווינטשן צו האָבן.

„געהאַלטן צו ווערן אין דעם געליבטנס אָרעמס, צו פילן זיין פאַרצערנדיקע, פאַרלאַנגנדיקע מאַכט וואָס איבערוועלטיקט, איז אַ פרויס שטאַרקסטער גענוס. און ווען איך האָב אַרום מיר געפילט שלמהס אָרעמס, האָב איך גענאָסן ריינעם, קלאָרן, אומבאַפלעקטן גליק.

„ליב צו האָבן און געליבט צו ווערן — דאָס איז לעבן פאַר אַ פרוי. אָן דעם —

ווערט זי ערגעץ וואו אָפּגעטויט. זי שרינקט איין, ווערט פּרוכטלאָז, ברעקלדיק. איך האָב געפילט יעדן פּולס אין מיין בלוט, יעדן קלאַפּ פון מיין האַרץ, נייעם און געשטאַרקטן לעבן, וואָס איך האָב פריער אַזוינס ניט געקענט זיך משער זיין.

„אָבער דענסטמאָל איז געשען, ווען אומגעריכט פאַר זיך אַליין, איז שלמה אַרויפגעזעצט געוואָרן אויפן טראָן פון זיין פאָטער דוד, און גאָט האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט אין אַ חלום פון דער נאַכט, אים באַשאָנקען מיט אַ קלוג און פאַרשטענדיק האַרץ, צו דערקענען שלעכטס און גוטס, צו פאַרשטיין אַ מישפּט — אַזויפיל חכמה און פאַרשטענדיקייט איז אים געגעבן געוואָרן, אַז ס'איז פאַר אים קיין מענטש ניט אויפגעשטאַנען אַזוי ווי ער. האָט עס אויף שלמהן געווירקט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט אַלץ קען ער פאַרשטיין, און אַז מיט פאַרהוילענישן איז פול די וועלט. און בכדי די פאַרהוילענישן צו קענען אַנטפּלעקן, האָט ער אויפגעהערט צו ריידן גלייך, נאָר האָט געמישט זיין לשון מיט משלים.

„דערביי האָט ער אַלץ מיט אַנאַנדער גענומען אָפּפרעגן און אויף אַלץ געשטעלט האַרבע קשיות. און אויך וועגן מיר און מיינע געפילן האָט ער גענומען אָפּפרעגן און מיך אויפן פּרוואָוושטיין געשטעלט: בין איך אים געטריי נאָר דערפאַר, וואָס ער איז קעניג? וואָס ער איז געשטאַלטיק? וואָס מיט חכמה האָט אים גאָט באַשאָנקען? וואָס די קרוין פון מלכות האָט ער אויף מיין קאָפּ אַרויפגעטאָן?

„און מיט גדלות האָט זיך שלמה אָנגעטאָן, האָט פרויען איינע נאָך די אַנדערע באַצוואונגען: אַ טאָכטער פון פּרעה, אַ קעניגין פון שבא, און נאָך און נאָך. ער האָט אין מיין געמיט ביטערקייט אַריינגעטאָן, מיר טיפן ווייטיק פאַרשאַפט, און ווען ער איז צו מיר שוין יאָ געקומען, איז זיין געמיט מיט מרה־שחורה פאַרשאַרפט געוואָרן. איך האָב זיך צו אים איבערגעגעבן, אָבער ער האָט מיך נאָר מיט גוף און ניט מיט נשמה באַנומען. ער איז מיט מיר געלעגן און דערביי עפּעס אַן עמונית באַגערט. איך בין אין דער דאָזיקער נאַכט באַפרוכפּערט געוואָרן און אים געבוירן אַ זון. איז עס געווען אַ פאַרזעעניש. האָב איך דערקענט, אַז אַרויס איז דער זון טאַקע פון מיין טראַכט, אָבער ער איז ניט מיין זון, נאָר איז אַ ממזר, אַ שפּראָצונג פון דער דאָזיקער עמונית, וואָס האָט אַרויסגעפלאַנצט פון מיין טראַכט.

„און דער רום פון קעניג שלמה האָט זיך פאַרשפּרייט פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, וואָרעם קליגער איז ער געווען פון אַלע מענטשן אויף דער ערד. אַ סך דורות, וואָס זיינען פון אַנדערע געווען פאַרהוילן, זיינען צו אים געווען אַנטפּלעקט. ער האָט געקענט אַריינטראַכטן זיך אין די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען פון מענטש, און אפילו טרעפן די געפילן פון חיה און בהמה. און וואָס מער עס האָט זיך אויסגעשפּרייט זיין וויסן, אַזוי שטאַרקער האָט זיך אין אים פאַרשאַרפט די גלוסטונג דעם טיפן זין פון אַלע זינען צו באַגרייפן. ער האָט דאָס אָבער ניט דערגרייכט, וואָרעם אפילו זיין חכמה האָט דעם פּוירהאַנג פון סוד־סודות ניט געקענט אויפהייבן.

„האָט זיך יאוש צו ביסלעך אין זיין האַרץ אָנגעזאַמלט און, ווי שיכור דורך וויין, האָט ער דורך טיפע איבערלעבענישן געזוכט פאַרטויבונג. ער האָט רום באַגערט, אין פולער מאָס דאָס געקראָגן, אָבער ס'האָט אים ניט באַפרידיקט; ער האָט פון פרוי צו פרוי זיך געקערט, און צווישן זיי אַלעמען געטראָפן נאָר צעשפּאָלטענע נשמות און פון טויזנט ווייבער קיין איינע אַ רעכטע ניט געפונען; האָט ער זיין געמיט געוואָלט לייכט מאַכן דורך משלים, און אַז דאָס האָט אים אויך צו גאָרנישט דערפירט, איז ער אַריין אין זיין קוהלת יאוש, און געזוכט צו דערקענען גאָט און ער האָט אים ניט דערקענט — וואָרעם גאָט איז דאָך הינטער דעם זעלביקן פּוירהאַנג פאַרהוילן, וואָס אפילו ניט שלמה האָט עס געקענט אויפהייבן.

„דענסטמאָל האָט ער זיך קעגן אַשמדאי פאַרמאָסטן און איז פאַרשליידערט געוואָרן עק וועלט. אַשמדאי האָט פאַרנומען שלמהס טראָן. קיינער האָט אים ניט דערקענט, איך האָב אים יאָ דערקענט. האָב איך פון זיך די קרוין פון מלכות אַרונטערגענומען און אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט מיין באַגערטסטן צו געפינען. אָבער דורך מיינע וואַנדערונגען האָב איך



ערשט שלמהן פאַרלוירן. די שלימות פון מיין נשמה, וואָס האָט אַמאָל דעם שיר השירים אויסגעזונגען, איז מיט ביטערקייט אָנגעפילט געוואָרן און פון איר שלימותדיקייט זיך אויסגעוועפּט. ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער זיסקייט פון יוגנט, האָט זיך אין מיין געמיט אויך אָנגעקליבן די ביטערקייט פון די שפּעטערדיקע יאָרן. און ווען איך האָב דערפילט, אַז די שלימות ווערט פון מיר פאַרהוילן, האָב איך שוין אויפגעהערט שלמהן צו זוכן, נאָר געזוכט האָב איך מיין שלימות צוריקצוקריגן.

„און בעת איך האָב אַזוי געוואַנדערט, בין איך איבערגעקומען דעם באַשערטן איבערגאַנג פון, וואָס הייסט אויף מענטשלעך לשון, לעבן צו טויט. איך האָב עס אָבער ניט באַמערקט. איך האָב עס ערשט דענסטמאָל באַגריפן, ווען מענטשן האָבן אויפגעהערט זען מיך, בעת איך האָב זיי יאָ געזען, און מענטשן האָב איך אָנגעהויבן טיפער באַגרייפן איידער ווען פריער. געבליבן דערביי איז אין מיר די בענקשאַפט, ווי פריער, און מיינע וואַנדערונגען האָבן ניט אויפגעהערט.

„אין מיין וואַנדער־וועג האָב איך זיך אָנגעטראָפן אָן מענטשן וואָס איך האָב געדענקט, אַז דורך באַהעפטונג מיט זיי וועל איך שלימות דערגרייכן. איך בין אָבער אַנטוישט געוואָרן. ווי שלמה האָט מיך אַמאָל אין שיר השירים באַזונגען, אַזוי האָבן אַנדערע מיך שפּעטער אין מיינע גילגולים באַזונגען. איך בין אין דאַנטעס בעאַטריטשע אַריין, איז זי פאַרלוירן געוואָרן אין הימל־שפּאַציר. בין איך צו העלאָאיז אַוועק, האָט זי זיך אין אַ מאָנאַסטיר פאַרהוילן און נזירות גענומען פראַווען; האָב איך צו דזשוליעט זיך געווענדט, האָט זי זעלבסטמאָרד באַגאַנגען.

„אין בעאַטריטשע, העלאָיז, דזשוליעט האָב איך זיך אויפסניי פאַרלוירן. לכתחילה האָב איך— בכדי דורך זיי צו דערהייבן מיין נשמה — מיין געשטאַלטיקייט אין זיי אַזוי געפּוצט און געמאַכט שיין, ווי נאָך קיין מאָל פריער האָט אַ פרוי דאָס ניט דערגרייכט. און ווי שיין איך האָב געפּוצט מיינע ־ זייערע גופים, אַזוי געלייטערט האָט זיך מיין נשמה אין דער דערוואַרטונג פון הימלישן גענוס אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד. און ווען איך האָב זיך, לסוף, דורך זיי פאַרלוירן, האָב איך, אָנשטאָט דערוואַרטן גענוס, געקראָגן ליידן, וואָס זיינען געווען נאָך שאַרפער איידער עס וואָלט געווען דער גענוס ווען ער וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן. וויל איך איצט, די פאַרלוירענע, זיך אויפסניי געפינען. דעריבער באַדאַרף איך זיך פאַרקערפּערן. פאַרקערפּערן זיך אין אַ גוף, וואָס די נשמה אין אים איז אַזוי ווי מיינע. איך האָב לאַנג געזוכט און ניט געפונען. ערשט איצט האָב איך דיך אַנטפּלעקט. דו און איך וועלן איצט ווערן איינס. מיר וועלן אַרויס צו דער ברייטער וועלט, צו יענע מענטשן און לענדער, צווישן וועלכע איך האָב זיך פאַרלוירן, און דאָרט זיך געפינען.

„בין איך צו דיר, ריקומה, געקומען. דו ביסט דאָס קינד פון מיין פאָלק, וואָס זוכט אויך שלימות און וואָס וואַנדערט שוין באַלד אַזוי לאַנג ווי איך. ביסטו, ריקומה, אָבער מיטן פאָלק אינאיינעם צוריקגעטראָטן אין אָט דעם ברעקל לאַנד, דיין לאַנד, וואָס איז אַמאָל מיין לאַנד געווען, און האָסט זיך אינצווישן בערג פאַרטאַיעט. בין איך געקומען דיך פון דיין נזירות אַרויסנעמען, און מיט דיר אינאיינעם אין רחבות אַרויסקומען. עס ברויזן אין דיר געפילן, טאָרסט זיי ניט דערשטיקן. געפילן דערשטיקט, איז אַ זינד באַגאַנגען. איצט קום איך אין דיר אַריין. מיט מיין קול וועל איך מער ניט ריידן, נאָר דיין קול וועט זיך איצט הערן. דורך דיר וועל איך שלימות דערגרייכן.״

שולמית האָט די דאָזיקע רייד אויסגערעדט און איז ניט געוואָרן. אָבער ריקומה האָט זיך אויף דעם ניט געוואונדערט. זי האָט געוואוסט: שולמית האָט זיך אין איר אַריינגעטאָן, זיך מיט איר באַהעפט, מיט איר קיין מאָל ניט צו שיידן זיך. האָט אַ גלוסטונג זי באַהערשט אַרונטערצוקומען אין גאָרטן. און ווי זי איז אויף דער וועראַנדע אַרויס, האָט זי איר עלטערבאָבע צפירה געטראָפן.

צפירה האָט זיך אויף איר אומגעקוקט. זי באַגעגנט מיט אַ שמייכל, אַ פינגער פון דער האַנט אַרויפגעלייגט אויף די ליפּן, אַז שטיל זאָל זיין, און אויסגעשטרעקט די צווייטע האַנט און זי צוגעצויגן צו זיך, צו זעצן זיך לעבן איר. ריקומה האָט זי געפאָלגט. צפירה האָט זי אַרומגענומען און איר אָנגעצייגט אין דער ריכטונג פון אַ

בוים. „זע,“ האָט זי אויסגעשעפּטשעט, אַ שטערן האָט זיך דאָרט פאַרפּלאָנטערט אין די צווייגן.“

ווי זייביידע האָבן דעם שטערן באַטראַכט, האָט אַ נאַכטיגאַל זיך צעזונגען אויפן שפּיץ בוים, ווי ער וואָלט געגעבן אויסדרוק צו דער פרייד וואָס האָט איבערגעפילט זיין האַרץ. און די טרעלן, די זיסע מעלאָדיע פון דעם זינג־פויגל זיינען ווי אַ וויג־ליד געווען און זיי האָבן אַ דרימל פאַרצויגן איבער ריקומהס אויגן. זי האָט אָבער ניט געלאָזט זיך איינשלעפערן, האָט זי זיך געווענדט צו צפירהן:

„באָבע“, האָט זי געזאָגט, „אַ מאָדנעם חלום האָב איך היינט געזען. אין מיר איז אַריין דער דיבוק פון שולמית פון שיר השירים. דורך דעם זיינען ביי מיר אויסגעוואַקסן פליגלען און איך בין געפלויגן איבער דער ברייטער וועלט.“

„די טבע פון יוגנט קומט דיך איבער, מיין קינד,“ האָט צפירה געזאָגט און צו איר מיט גרויס ליבשאַפט געשמייכלט.

„ווען דו ביסט יונג געווען, באָבע, האָבן ביי דיר אַמאָל פליגלען געשפּראָצט?“

„יאָ, מיין קינד. אין מיר פלעגט אויך אַ דיבוק אַריין. ס'איז אָבער דער דיבוק פון פאָלק געווען.“

„און האָסט פון לאַנד צו לאַנד געשוועבט?“

„מיר שוועבן אַלע מאָל.“

„אויך איצט שוועבסטו?“

„אויך איצט. אָבער שוין מער ניט פון לאַנד צו לאַנד.“

„ווי דען ?“

„פון וועלט צו וועלט, מיין קינד. לענדער און פעלקער האָב איך שוין גענוג געזען.“

„און מער ווילסטו שוין ניט זען?“

„איך וויל נאָר רו און פרידן.“

„אָבער, זאָגסט דאָך, אַז אויך איצט שוועבסטו אין געדאַנק. וואוהין איז דיין שוועבן געצילט?“

„צו וועלט איבער וועלט, מיין קינד.“

ריקומה האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אין דער באָבעס רייד זיך אַריינגעטראַכט און דערנאָך האָט זי געזאָגט — מער צו זיך אַליין איידער צו דער באָבען:

„אין דער רחבות פון דער וועלט איז די ערד אַ שטויבעלע. אין דעם שטויבעלע־ערד, איז אונדזער לאַנד אַ שטויבעלע פון שטויבעלע; און ווער בין איך? ווי קליין איז מיין שטויבעלע? איך קען אָבער מיט שטויבלעכקייט ניט מסכים זיין, איך מוז זיך אויסשפּרייטן איבער מיינע גרענעצן, איינזאַפּן אין זיך מענטש און געפיל פון אַלע טיילן ערד, איינזאַפּן אין זיך דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַלע ליידן און פריידן.“

זי האָט באָבע צפירהס האַנט, וואָס האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן אַרומגענומען, פון זיך אָפּגעטאָן, דער באָבען אין שטערן אַ קוש געטאָן, און פאַרנומען זיך אַוועקצוגיין.

„וואוהין גייסטו, מיין קינד?“ האָט צפירה געפרעגט.

„צו באַגעגענען י נ ו ן* (ייִנאָן), האָט ריקומה זיך אויסגערעדט.

און ווען זי האָט זיך דאָס אויסגערעדט, האָט זי זיך גלייך פאַרכאַפּט: ווער איז יינון? און פאַרוואָס עפּעס ער? זי האָט גאָר קיינעם אין זינען ניט געהאַט און וועגן קיינעם ניט געטראַכט און אָט דער נאָמען האָט זיך פון איר ניט ווילנדיק אַרויסגערעדט, אָן כוונה, ווי ניט זי וואָלט עס געזאָגט, נאָר עמיץ אַנדערש. „שולמית אפשר?“ איז איר אַריין אין געדאַנק.

„באַגעגענען יינון?“ האָט צפירה פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט. „ווער איז ער?“

און ריקומה האָט אויף דער עלטערבאָבען געקוקט מיט פאַרלעגנהייט און גרויס וואונדער האָט אויסגעדריקט איר בליק. אָבער צפירה האָט באַלד מיט אַ שמייכל פון פאַרשטענדעניש זי באַטראַכט און געזאָגט:

„מיינסט אַוודאי גדעונען...“

„גדעונען?...“ האָט ריקומה נאָך מער פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט

„גיי, מיין קינד,“ האָט צפירה זי דערמוטיקט, כדי אַרויסצופירן זי פון איר פאַרלעגנקייט.

פאַרטראַכט און פאַרווירט איז ריקומה לאַנגזאַם אַרונטער פון דער ווערענדע און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם גאָרטן.

---

*) ינון, לויטן תלמוד — איינער פון די נעמען פון משיח.



אליהו רייזמאַן / וואַרשע

# צוויי לידער

## באָנטשע

דיין בעל־עגלה שטייט אין מיטן וועג
פאַרדרייט אַרום האַלדז די לייצעס,
אין באָנטשע אין אַ קאַסטן טראָגט נעכטיקע טעג
אויף זיינע געהאָרבטע פּלייצעס.

ס'איז יענע וועלט — און ער אַזוי ווי געוועזן —
נישט צו זיך, נישט צו קיינעם קיין שייכות,
ער טראָגט אויף די פּלייצעס די וועלט און שווייגט
אויף אַלע שבעים לשונות.

דיין בעל־עגלה מיט טויטע פערד,
יאָגט אויף געוועזענע שליאַכן,
און באָנטשע, פאַרטראָגן, נישט זעט, נישט הערט,
נישט וויינען ער קאָן און נישט לאַכן.

געוואָרן אַמאָל פאַר זיין שוויגן באַלוינט,
נאָר גאָרנישט פאַר זיך אויסגעקליבן.
דאָס אויג פון דער וועלט אויף זיין שוויגעניש שטוינט,
נאָר באָנטשע איז באָנטשע פאַרבליבן.

דיין בעל־עגלה אויף דער ערד מיט זיין בלוט באַפאַרבט
דאָס בילד פון זיין אייגענעם חורבן,
און באָנטשע, ביז היינט, נישט ער לעבט, נישט ער שטאַרבט,
כאָטש אַזוי פיל מאָל שוין געשטאָרבן.

## אַזוי שיין ציט זיך די מגילה וויַיטער

אַזוי שיין ציט זיך די מגילה ווייטער.
נישט איך, נישט דו וועלן ענדיקן זי שרייבן.
ווען אפילו טינט זאָלן ווערן אַלע טייכן,
וועט קיין ליידיק אָרט אויף איר נישט בלייבן.
אַזוי פיל נישט דערטעדטע רייד
און טרערן נישט דערוויינטע —
ס'איז יענער טאָג
נאָך נישט אַריינגעשטאָרבן אין דער צייט —
ער לעבט אין מיטן וועלט
מיט הענט און פיס געליימטע.

אַ ווינט אין פעלד נעמט צונויף
פון מיין ברודער די מחשבות ניט דערטראַכטע
און ווירבלט מיט זיי אַרום דעם אַש
פון זיין פאַרברענטן קאָפּ.
וועלט, מיין וועלט, אין דיין באַרג־אַראָפּ —
וועלכער גאָט האָט דעם רויך באַוויליקט
פון די קרבנות מיינע —
אויף זיין מזבח אומגעבראַכטע ?
אַ טרויער־קאַראַוואַן פון איין־און־צוואַנציק יאָר
מיט יאָרצייט־ליכט
דורך מיין לעבן מיך באַגלייט.
איך — אַ לעבעדיקער שפּליטער פון מיין טויטן פאָלק,
אַ ברענענדיקער דאָרן.

# בויערס פון „חשבון"

מיט דעם נומער פאַרענדיקט „חשבון" דעם 23טן יאָרגאַנג פון זיין עקזיסטענץ. „חשבון" איז איצט פאַרבליבן די איינציקע יידישע צייטשריפט אין מערב פון שיקאַגע. אויך די איינציקע יידישע צייטשריפט אין לאָס אַנדזשעלעס — דעם צווייטן גרעסטן יידישן יישוב אין אַמעריקע. אָבער די פינאַנציעלע לאַגע פון „חשבון" איז אַ וואַקלדיקע. בכדי צו פאַרזיכערן זיין קיום אויך אויף להבא, מוזן מיר איינקריגן באַזונדערע סובסידיעס. אויף אונדזער אַפּיל אין פאַריקן יובליי־נומער „חשבון" האָבן זיך אָפּגערופן מיטביישטייערונגען אייניקע פריינד. אָבער דאָס איז ווייט ניט גענוג. דערפאַר אַפּעלירן מיר ווידער אַ מאָל צו די פריינד פון יידיש, צו די יידישע קולטור־געזעלשאַפטן און באַזונדערס צו יחידים — זיי זאָלן האָבן אין זינען דעם „חשבון" — ניט נאָר מיט איין־מאָליקע ביישטייערונגען, נאָר מיט פאַרפליכטונגען פאַר יערלעכע ביישטייערונגען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן דעם קיום פון אונדזער זשורנאַל.

דערווייל פאַרצייכענען מיר מיט דאַנקבאַרקייט די נעמען פון די ווייטערדיקע עטלעכע מנדבים, וועלכע האָבן זיך ביז איצט אָפּגערופן אויף אונדזער אַפּיל:

ווילי שאָר
חבר און חברה יוסף גרינשפּאַן
משה קאַפּלאַן
ה. רויזנבלאַט לייען־קרייז

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

מיר ווילן האָפן, אַז אונדזער אַפּיל וועט ניט בלייבן אַ קול קורא במדבר.

מיט דאַנק פאָרויס,

„חשבון"־פאַרוואַלטונג

ז. בונין, סעקרעטאַר



# וועגן און אומוועגן

לאָטי פ. מלאך

## טראַגעדיע פון אַן אַרבעטער־פירער

(רעפּאָרטאַזש)

דאָס וואָרט מ נ ה ל ווערט אין אַמעריקע אָנגערופן מיט אַ סך נעמען: פאַרוואַלטער, אויפזעער, דירעקטאָר, פּרינציפּאַל, עקזעקוטיוו, וכדומה. קיין שום פון די אַלע פּראָפעסיאָנעלע נעמען איז אָבער ניט אַזוי אָנציענדיק ווי דער טיטול עקזעקוטיוו. צו דער מדרגה פון אַן עקזעקוטיוו שטרעבן אַלע: די קינדער אין שול גרייטן זיך אויף דעם, דער אָנגעשטעלטער אין אַ ביורע, דער פאַכמאַן אין אַ פאַבריק און מכל־שכן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. דאָס וואָרט עקזעקוטיוו, ווי ס'ווערט פאַרשטאַנען אין אַמעריקע, איז ממש אַ צויבערוואָרט. ס'מיינט ניט נאָר אַ גוט־באַצאָלטער פאָסטן; ס'מיינט אויך שטאַנד, אָנזען אין דער געזעלשאַפט, און... מאַכט. זעלטן עס זאָל זיך פאַרלויפן אַז אַן עקזעקוטיוו זאָל אָפּגעזאָגט ווערן פון זיין שטעלע. דער דאָזיקער אַמט ווערט אַזוי אַרום צעמענטירט, אַז ווען עס געלינגט נאָר זיך אַהין צו דערשלאָגן, איז עס שוין אויפן גאַנצן לעבן. אַן עקזעקוטיוו פון אַן אינסטיטוציע ווערט ממש אַליין די אינסטיטוציע. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך און קיינעם ניט פאַראיבל צו נעמען, וואָס אַלע די, וועלכע האָבן נאָר אַביסעלע פעאיקייט און אַמביציע ציען זיך אַזוי שטאַרק צו יענער הויכער פּאָזיציע.

מען זאָגט זיך אָפּ פון אידעאַלן, מען פאַרבייגט פּרינציפּן און ס'טרעפט (ס'זאָל זיך אַזוי בישט טרעפן) אַז מען פאַרקוקט עלעמענטאַרע אנשטענדיקייט אַבי צו דערגרייכן די פון אַלעמען באַגערטע מדרגה פון אַן עקזעקוטיוו.

*  *  *

איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע. אַ ייד אַן אַרבעטער, אַן ערשט־קלאַסיקער בעל־מלאכה ביי רויכוואַרג: פוטער־מאַנטלען, קעלנער, מופטעס און אַלץ וואָס ס'לאָזט זיך נאָר מאַכן פון פעל און פוטער.

אין דער היים, אין פוילן, און שפּעטער אין מערב־אייראָפּע, איז ער געווען אַן אָנגעזעענער און באַליבטער אַרבעטער־פירער. געקעמפט מיט לייב און לעבן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. געשטאַנען אין שפּיץ פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי; צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט — אַפילו קעגנער האָבן זיך צוגעהערט. קודם כל דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ מייסטער אין זיין פאַך (ס'ליגט שוין אין דער נאַטור פונעם אַרבעטער צו האָבן דרך־ארץ פאַרן גוטן בעל־מלאכה), והשנית פלעגט ער דערשיינען פאַר אַ פאַרזאַמלונג נישט מיט קיין צעכראַשטשעט העמדל, נאָר אָנגעטאָן עלעגאַנט, ממש ווי פון אויסשטעלפענצטער אַרויס. און גערעדט האָט ער צו דער זאַך — געקאָנט לאָגיש באַגרינדן אַ געדאַנק, אַן אידייע. ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן פאַר אַן עולם שלאַנק און הויך, מיט אַ לייכטן נויג פאָרויס. (ווייניק האָבן זיינע צוהערער געקאָנט וויסן, אַז דער נויג פאָרויס מיינט אויך אַ בויג אין זיין כאַראַקטער). זיין ברויט האָט ער געצויגן פון די צען פינגער, גלייך מיט אַלע אַרבעטער, און זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען גאָלע לשמה.

*  *  *

די יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע האָבן זיך געקלאַמערט צו די לענדער אין וועלכע זיי האָבן געפונען אַ שטיקעלע מקום מקלט. פאָרט האָט די שנאה דאָ ניט אַזוי געשרפהט ווי אין דייטשלאַנד און אין פוילן. האָבן יידישע אימיגראַנטן אויסגעשטרעקט זייערע הענט צום נישט־ייד — אין די הענט דאָס האַרץ — און

האָבן זיך געבעטן: ברודער גוי, זיי מיר אַ שכן, זיי מיר אַ פריינד; דערלויב מיר אַוועקצולייגן מיין פאַרוואָגלטן קאָפּ ביי דיין שוועל. דו זעסט דאָך, די וועלט האָט פאַרהאַקט טיר און טויער און אין דרויסן לאָזט זיך אַראָפּ אַזאַ פינצטערע נאַכט...

האָט דער ניט־ייִד דערלויבט. דאָס הייסט ניט אַזוי דערלויבט, ווי אַוועקגעקוקט; ער זעט ניט. און אַז ער זעט ניט איז ער ניט קיין משה מחויב איבערצוגעבן דער פּאָליציי. האָבן ייִדן און גויים געלעבט זייט ביי זייט: געאַרבעט צוזאַמען, מאַרשירט צוזאַמען און געקעמפט צוזאַמען. נאָר דער שונא, אַלעמענס שונא — היטלער ימח שמו וזכרו! — האָט מנצח געווען און פון דעם אַלעמען אַ תל געמאַכט.

אונדזער אַרבעטער־פירער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיינע געפירטע, ווייל ער האָט זיי בשום אופן ניט געקאָנט מיטנעמען, און אַליין, קוים שוין די לעצטע רגע, זיך אַרויסגעראַטעוועט, ממש פון די נעגל אַרויס. ווייב און קינדער זיינען אָפּגעפאָרן ערגעץ מיט אַ טראַנספּאָרט, ער ווייסט ניט וואוהין.

* * *

קירזשנעריי איז אַ וואויל פאַך אין אַמעריקע. ס'באַצאָלט זיך גוט. אָבער וואו איז דאָס גערעדט געוואָרן? אין די גרויסע צענטערס פון פוטער־אויסאַרבעטונג: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, מאָנטרעאַל, שיקאַגאָ. מיט אַנדערע ווערטער, אין מזרח און אין מיטל־מערב פון לאַנד.

האָט דער גורל געוואָלט, אַז אונדזער אַרבעטער־פירער זאָל פאַרוואָרפן ווערן אַזש אין דער ווייטער וועסט — קיין מערב, און נישט צופעליק, נאָר ווייל ווייב און קינדער, על פי נס, האָבן זיך דאָ געפונען.

אין לאָס אַנדזשעלעס טראָגן פוטער־מאַנטלען בלויז די האָליוואודער „שטערן." אפילו „ביקיני" באָד־קאָסטיומען אויך פון קאָסטבאַרע פעלעכלעך. דאָ און דאָרט זעט מען גלאַט אַ רייכע דאַמע טראָגן אַ פעלץ־מאַנטל אפילו אין מיטן זומער. דאָס איז ווען מען גייט צו אַ פּרעמיערע אָדער אין האָליוואוד באָול (אַמפיטעאַטער מיט דעם נאָמען). איז שטערן אויפן קאַליפאָרניער לויטערן הימל זיינען טאַקע פאַראַן זייער אַ סך, אָבער האָליוואודער „שטערן" — פאָרט אַ באַגרענעצטע צאָל.

ליידט דאָס פאַך פון אַרבעטלאָזיקייט. די באַשעפטיקונג דויערט אַ דריי חדשים דורכן יאָר, און דערנאָך וואָס?

האָט אונדזער אַרבעטער־פירער זיך געפּרואווט איבערוואַרפן אויף אַן אַנדער פאַך. אפשר ווערן אַ צושניידער? געהערט האָט ער, אַז די „אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן" כאַפּט ממש אויף די ניי־אָנגעקומענע פּליטים. אַי ער איז ניט קיין שניידער? נו און אַ קירזשנער איז ער דען געבוירן געוואָרן? איז ער אַוועקגעגאַנגען דאָרטן וואו מען דאַרף, דערציילט אַזוי און אַזוי, אַז ער מוז זיך אויסלערנען אַ נייע מלאכה, וואָרעם די פוטער־יוניאָן האָט אַ סך אַרבעטלאָזע.

נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ענדיקן דאָס וואָרט איז אַרויסגעקומען אַ מענטש מיט פליישיקע באַקן און אייגעלעך, וואָס האָבן קוים אַרויסגעבליצט דורך שמאָלע שפּעלטלעך, אים דערלאַנגט אַן אַרבעטס־קאַרטל מיט אַן אַדרעס — אַ סימן ער ווייסט שוין אין וואָס עס האַנדלט זיך. דערזען אַז דער פרעמדער איז געבליבן געפּלעפט, האָט ער אים אַריינגערופן צו זיך אין אָפיס (ביורע) און זיך גאָר אַוועקגעזעצט כאַפּן אַ היימישן שמועס. נאָר אָנשטאָט עפּעס צו הערן האָט ער אַליין גערעדט:

„און וואָס מיינט איר, אַ ביזנעס־אַגענט איז לייכטער? ווייניק קאָפּ־דרייעניש און האַרצווייטאָג האָט מען? שווער צופרידנצושטעלן, ברודער, אַלעמען; סיי דעם אַרבעטער, סיי דעם באַלעבאָס."..

* * *

„וועסטערן מענס קלאָטהינג" (אַ פירמע) האָט זיך געפונען אין אַן אַלטן בנין אויף היל סטריט. ווען ער איז אַריינגעגאַנגען נעמען דעם עלעוואַטאָר האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער געפינט זיך אויפן „בעלוויל" (אַ ייִדישע געגנט אין פּאַריז). ס'געווען אַלט און היפשלעך בלאָטיק. פונקט אַזוי האָט אויסגעזען דער שאַפּ — ביזן גאַרטל אין מיסט. (דעם סאַלאָן האָט ער ניט געזען). ס'איז צוגעקומען אַ מיידל אין אַ קורץ קליידל און צעלאָזענע האָר. ער האָט איר געוויזן זיין אַרבעט־קאַרטל. זי האָט אַ קלונג געטאָן אַ גלעקל און ס'האָט זיך דערנעענטערט אַ ייִד, אַ רעטייערטער", וואָס קנעלט אונטער אויף



די עלטערע יאָרן אַלס „פאָרמאַן" — אויפזעער: „זע נאָר דעם פאַצעט," האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דער מענטש קומט אַהער מיט רעקאָמענדאַציעס און אים דערלאַנגט שלום עליכם. דערנאָך האָט ער זיך מיט אים אַוועקגעלאָזט איבערן שאַפּ. זיי זיינען צוגעקומען צו אַ „גרייטן" טיש אויף וועלכן ס'געווען אויסגעשפּרייט עטלעכע פאַכן פון פאַרשיידענע קאָלירן שטאָף אָנגעצייכנט פון אויבן מיט קרייד: אַרבל, קלאַפּעס, לייסטעלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. קיין פּאָלעס האָט מען אים נאָך ניט אָנגעטרויט.

דער אויפזעער האָט אים געגעבן אַן עלעקטריש מאַשינדל אין האַנט אַריין און אים געוויזן ווי אַזוי זיך צו ספּראַווען דערמיט. די קונץ דערפון איז געווען אונטערצוקומען מיטן מעסערל אַזוי „כיטרע", אַז די שטאָפן זאָלן זיך ניט באַוויזן צו צערוקן. ער האָט באַקוקט דאָס מאַשינדל פון אַלע זייטן און ס'האָט אים אויסגעזען צו זיין זייער לייכט צו מאַנעווירן דערמיט. ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו די אָנגעצייכנטע מוסטערן האָבן זיך די שטאָפן דערשראָקן און זיך גענומען אָפּרוקן. דער פאָרמאַן, גראַד אַ וואוילער ייִד, אַ שאַפּ־מענטש פון כמה וכמה יאָרן, האָט אויף אים געקוקט פון דערווייטנס: „ער שוויצט, דער פאַצעט." און כדי אים ניט מבייש צו זיין האָט ער אונטערגעשיקט גלאָריאַן, זיין אַרויסהעלפערין, זי זאָל אים אַביסל צואווייזן.

„האָני", האָט די מעקסיקאַנער מיידל ליבלעך גערעדט צו דעם טויט־ערנסטן צושניידער, „דו מוזט צוהאַלטן מיט דער גאַנצער פלאַך פון דער לינקער האַנט, אַנדערש וועסטו האָבן איין אַרבל גרעסער פונעם צווייטן." און אים דערביי אָפּגעגאָסן מיט אַ בליק, ווי שוואַרצע לאַווע.

„אַ שיינעם דאַנק דיר פאַר דער עצה", האָט ער געטראַכט — און דער „דו" האָט פיינלעך אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן. אַז מען דאַרף זען די וואַרע זאָל ליגן ווי צוגעקלעפּט, דאָס, במחילת כבודו, פאַרשטייט ער שוין אַליין. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס?

ביז צוועלף אַזייגער האָט ער זיך שוין געהאַט גוט אָנגעמוטשעט און איז געווען צופרידן זיך אַנידערזעצן און אַביסל אונטערהייבן די פיס אויפן שטאַלן פון טיש.

ער האָט אויפגעוויקלט אַ ציכטיק פאַרפּאַקטן „סענדוויטש" און זיך גענומען אַרומקוקן וואו ער געפינט זיך ערגעץ אין דער וועלט.

„ע'ץ זענט נאָר וואָס אָנגעקומען?" נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט אַ קליין מענטשל מיט צעשראָקענע אויגן, ווי בלויע בלאָטערן, ווייטער גערעדט:

„ווי אַזוי זיינט עץ געבליבן לעבן? נאָר מיר דאַרף מען נישט דערציילן... אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלע קאָנצענטראַציע לאַגערן און געקומען קיין אַמעריטשקע אַרבעטן אין שאַפּ. אַ בראָך."..

„איך האָב פריער אויך געאַרבעט אין אַן אַטעליע, איך בין אַ פּראָלעטאַריער," האָט אונדזער אַרבעטער־פירער געזאָגט מיט אַ געוויסן שטאָלץ. נאָר דאָ, זעט אויס, וועל איך מוזן אָנהייבן פון אלף־בית."

„אַ ,קאַטער' (צושניידער) ווילט עץ ווערן? מ'עט ענק נישט צולאָזן."

„וואָס הייסט מען וועט ניט צולאָזן? איך בין דאָך געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוניאָן. נאַט, זעט מיין אַרבעט־דערלויבעניש."

„דאָס קוויטל וועט ענק גאָרנישט העלפון. ז י י," האָט ער אַ ווייז געטאָן אויף די צושניידער, „וועלן זיך אויסלאַכן דערפון."

„ס'קאָן ניט זיין. איך האָב אין פּאַריז אויך געאַרבעט מיט ניט־ייִדן."

אַהיים געקומען איז ער מיט אַ ביטער געמיט. גאָרנישט געזאָגט דער ווייב. (איר דאַרף מען סיי ווי קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן). זיך אַוועקגעזעצט לייענען אַ צייטונג. „אַ גרויסע זאַך, שניידן מיט אַ מאַשינקע וואָס גייט אַליין." אַ מאָל וואָלט ער זיך דאָס אויסגעלערנט איינס און צוויי. „היינט," האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח, „זעט אויס די יאָרן רוקן זיך אָן."

צום שווערסטן איז אים געווען אַריבערצוטראָגן די אָפּגעפרעמדקייט פון די אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז זיי קוקן אויף אים מיט חוזק. דאָס פלירטעווען פון די מיידלעך. „האָני", ער האָט זיך ענדלעך דערוואוסט וואָס ס'הייסט „האָני" און זיך געפילט ביטער באַליידיקט. אין דער היים, אויף וועלכן

אַרבעט־פּלאַץ ער זאָל ניט געווען אָנקומען, האָבן דאָך די אַרבעטער ממש געצויגן די היטלעך פאַר אים (נישט מער זיי האָבן ניט געטראָגן קיין היטלעך). דער דרך־ארץ איז געווען גאָר אין לשער. און דאָ קוקט מען אויף אים עפּעס ווי אַ אוניקום . . .

*   *   *

איינער, אַ לאַנדסמאַן זיינער, וואָס איז אַמאָל געקומען פון זאַגלעמביע קיין לאָדזש, אַ מענטש, נישט קיין גרעסערער עסקן ווי ער איז געווען, האָט געקראָגן אַ שטעלע ערגעץ־וואו אין אַ צענטער.— דאָ רופט זיך יעדער לאָקאַל „צענטער.“ ער מוז מיט אים אַ רעדט טאָן.

וכך הווה.

„מען דאַרף האַלטן די אויגן אָפן,“ האָט אים זיין לאַנדסמאַן געזאָגט. „ס'מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ געלעגנהייט. זעלטן, אָבער פּאָרט. נאָר...“ האָט יענער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „דאָ הי מוז מען אָפּזען פון די אַמאָליקע דרכים. דאָ גילטן ניט קיין ,רעוואָלוציעס.‘ און ס'איז נישטאָ פאַר וועמען אויך.“

„מילא, ביז איך וועל זיך אַריינקריגן אויף אַ פּאָסטן...“

„אַריינקריגן ,מאַי־אַי.‘ די קונץ איז זיך צו דערהאַלטן אויף אַ פּאָסטן.“ און האָט אַ פיר געטאָן מיט זיין אויסגעגלעט הענטל פון אויבן, אויף דער בוזעם־קעשענע, אַ סימן, אַז ער איילט זיך. „גיב מיר אַ קלונג (רוף מיך אויפן טעלעפאָן) אין אַ צען טעג אַרום, וועל איך זען וואָס איך קאָן טאָן פאַר דיר.“

*   *   *

אַ מענטש, ווי אונדזער אַרבעטער־פירער, אפרים ריבאַק, האָט די גרויסע מעלה, וואָס ער אָריענטירט זיך זייער שנעל. אָריענטאַציע איז אַ האַלבער וועג צו דערפאָלג — און אפשר טאַקע אַ גאַנצער. ער האָט באַלד דערשמעקט ווי עס האַלט אין אַמעריקע און אונדזער אַמאָל פלאַמיקער רעדנער איז געוואָרן אַביסעלע געלאַסענער. גערעדט מער וועגן נאַציאָנאַלע פּראַגעס און וויניקער וועגן סאָציאַלע און דאָס אויך אין אַ טאָן, גלייך איינס דאָס אַנדערע וואָלט זיך סותר געווען.

מען מוז צוגעבן, אַז וואָס שייך אַמעריקע האָט ער ריכטיק אָנגעטאַפּט דעם דופק. די יידישע אַרבעטערשאַפט אין לאַנד האָט נאָך מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אָנגעהויבן אָפּצופאַלן. דעם הויך־פּונקט האָט די יידישע אַרבעטער באַוועגונג דערגרייכט אין די מלחמה־יאָרן, ווען זי האָט בפירוש געמאַכט אַ גרויסן בייטראָג צו דער מלחמה אָנשטרענגונג (דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך). אין 1945־1950 האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ. אַ שליח־ציבור פון אַן אָנגעזעענער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט זיך נאָך מיט אַ פּופצן יאָר צוריק באַרימט, אַז „קיינער פון אונדזערע חברים איז ניט געבליבן אין שאַפּ.“

צי ווערט דאָס געשריבן לגנאי? חלילה. דאָ ווערט בלויז פעסטגעשטעלט אַ פאַקט. דער שאַפּ איז ניט קיין הייליקטום.

אַנדערע באַדערפענישן, אַנדערע באַדינגונגען, אַנדערע לידער. דער אויפשטייג אינעם יידישן לעבן איז געקומען גאָר פון אַן אַנדערער זייט — י ש ר א ל. יידישע ישובים איבערן לאַנד האָבן אויפגעלעבט. איין קלייניקייט: מיר זיינען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך! אַסימילירטע קרייזן האָבן זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז זיי „באַלאַנגען אויך“ צו דער „דזשואיש קאָמיוניטי.“

אונדזער אַרבעטער־פירער האָט זיך זייער שטאַרק איבערגענומען מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק. אַזוי שטאַרק, אַז בעתן סטרייק פון די ישראל מאַטראָזן פאַר העכערע שכירות און בעסערע באַדינגונגען איז ער געווען להרוג ולאבד קעגן זיי. „זיי ברענגען שאָדן דער מדינה,“ האָט ער געטענהט. אברהם שלאָנסקי, דער באַרימטער העברעאישער דיכטער, איז געגאַנגען אויף משמרת (פּיקעט־ליין) אין חיפה און אונדזער אַרבעטער־פירער אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט געצאָרנט אויף די חוצפּהדיקע ספּנים (מאַטראָזן). פון דאַנען איז שוין געווען אַ לייכטע זאַך אויסצומעקן פון באַוואוסטזיין אַלע נויטן, וואָס דער אַרבעטער באַגעגנט היינט אויך און טאָג־טעגלעך ביים פאַרדינען חיונה.

אין גאַנצן קיין צופאַל איז די נייע איינשטעלונג ניט געווען... אין קאָן איז געשטאַנען אַן עקזעקוטיוו פּאָסטן. האָט ער בודק געווען זיינע פריערדיקע איבערציגונגען, זיך גוט אָפּגעטובלט און זיך גענומען פּאַוואָלינקע, זייער פּאָרזיכטיק, קריכן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער. נישט אַזוי לייכט איז עס אים אָנגעקומען; ס'האָט געקאָסט אַ סך מי און אַ היפּש ביסל פּראָטעקציע ביז ער האָט זיך ענדלעך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער הויכער שטעלע. אַרויפגעקומען אויבן, אויפן שפּיץ פון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אים שטאַרק פאַרדרייט דער קאָפּ און עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.



האָט ער קודם־כל אויפגעהערט צו דערקענען מענטשן — דער עיקר זיינע לאַנדסלייט. והשנית האָט ער זיך גענומען אויסהיטן פון זיינע אַמאָליקע פּאַרטיי־חברים. און אַזוי ווי אַ חסיד רעדט כסדר מיטן רבונו של עולם, אַזוי האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט „ישראל“ פון מויל. צו דעם „נישט־זען“ האָט צוגעשפּילט אַ קרענקלעכע סיבה. ער האָט פאַרמאָגט אַלע מעלות וואָס ס'פאָדערט זיך כדי צו זיין אַ דערפאָלגרייכער עקזעקוטיוו: איניציאַטיוו, שכל, אויסזען, גדלות און אַ ווייב (דאָס איז וויכטיק אין אַמעריקע). נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט — שפּראַך, די ענגלישע שפּראַך. נאָכן אָפּזיין אין אַמעריקע וואָסערע פינף און צוואַנציק יאָר איז ער, רחמנא לצלן, געבליבן אַ „גרינער.“ דער אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ דולדעט דאָס ניט. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט — אַוודאי ניט. דאָ איז אַמעריקע: „האָריאָפּ“ און אַמעריקאַניזיר זיך. דיין עקזעקוטיוו פּאָסטן וועט ניט וואַרטן אויף דיר. די גאַנצע עקזעקוטיווע האָט זיך שוין לאַנג איבערגעוואָרפן פון יידיש אויף ענגליש. און צווישן דער יוגנט דרייען זיך אַרום מיידלעך אין „מיקראָמיניס“ (זייער קורצע קליידלעך), יונגעלייט מיט צעשויבערטע בערד, נאָר מיט הויך־אַקאַדעמישע אַטעסטאַטן אין די קעשענעס.

זעט נאָר ווי אונדזער אַמאָליקן אַרבעטער־פירער איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן, אַז כדי צו שטייגן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער, דאַרף מען האָבן אַן אַטעסטאַט. וואָס אַן אמת, אַ מתמיד, אַן אַמביציעזער לערנער און טאַקע אַ קענער איז ער תמיד געווען; אָבער אַז מען דאַרף גאָר האָבן אַן אַטעסטאַט צו באַווייזן אַז מען האָט געלערנט, דאָס האָט ער ערשט איצט, אין די מיטעלע יאָרן, אויסגעפונען. און טאַקע דאָס איז עס געווען, וואָס זיין ווייב האָט געהאַט צו אים:— אַזוי פיל יאָרן אָפּגעגעבן מיטן „גאָרנישט“; קלובן, פאַראיינען, לעקציעס, אסיפות. כאָביי וואָלסטו כאָטש אָפּגעשפּאָרט אַ שטיקל אַטעסטאַט פאַר דיין האָרעוואַניע. נאָר דו האָסט דען אַמאָל עפּעס אין זין געהאַט . . . ?

זי אַליין האָט זיך גראָד גיך צוגעפּאַסט און אַריינגעפּאַסט אין איר נייער ראָליע. זי האָט אויף זיך גענומען אַ שטרענגע דיעטע, רעדוצירט איר קיילעכדיקע פיגור, איז אַוועק אין אַ סאַלאָן און זיך געלאָזט אויסבויען אַ פריזור, אַ סטויג די הייך, און פון היינט אויף מאָרגן איז פון דער פלינקער שטיק־אַרבעטאָרערין געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע דאַמע, זיך געחברט בלויז מיט פרויען פון פּראָפעסיאָנאַלן און פאַרבעטן אין שטוב אַריין אויסשליסלעך איינפלוסרייכע מענטשן. (פון וואַנען דאָס נעמט זיך, וואָס פרויען זיינען מער להוט צו סנאָביזם ווי מענער, אויף דעם דאַרף ערשט קומען דער גרויסער פסיכיאַטער און דאָס דערקלערן). נאָך לאַנג איידער זיין עקזעקוטיוו פּאָסטן איז געוואָרן באַשטעטיקט האָט זי שוין געהאַט געדונגען אַ דירה אין דער ריכטיקער געגענט—„סובורביא“—פאָרשטעטל.

*   *   *

טראָץ דעם אַלעמען איז דאָס פקידישע בענקל ניט געשטאַנען סאָליד. און וואָס ווייטער האָט זיך עס אָנגעהויבן אַלץ מער צו שאָקלען. נאָכן אָפּעקזעקוטיוועווען אַ טאָג און טייל מאָל נאָך מיט אַן אָוונט, איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין איזאָלירטער היים, געטריי ווי זיין הויכער אַמט און קליין וויבעלע האָבן פון אים פאַרלאַנגט. נאָר שלאָפן האָט ער ניט געקאָנט.

אַזוי האָט ער מיט מי און מאַטערניש דערצויגן ביז ער איז אַלט געוואָרן צוויי און זעכציק יאָר און האָט אַליין אַריינגעגעבן זיין רעזיגנאַציע, וועלכע איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. און דאָס איז די זאַך וואָס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן — דאָס אָנכאַפּן זיך אָן דער רעזיגנאַציע. אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף דעם.

רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב

# וואָס גרעסער די שטאָט־אַלץ קלענער דער מענטש

## א.

„כ'וואָלט אויסגעהאַקט אַלע ביימער אַרום מיינע פענצטער," גיט מיר אַ זאָג אַנומלט מיין שכנטע וואָס וואוינט אַנטקעגן אונדז. „כ'האָב פיינט צו הערן דעם גערויש פון די צווייגן אין ווינטיקע טעג; ס'מאַכט מיך נאָר נערוועז. ס'איריטירט מיך אויך די מאָנאָטאָנקייט פון דעם גרין אין די דאָזיקע שמאַטעוואַטע בלעטער, ס'איריטירט מיך! ווער האָט עס אויסגעטראַכט די דאָזיקע פאַרפּוצעכצן אַרום די הייזער?"

„מיט וואָס וואָלט איר עס פאַרביטן?" פרעג איך איר פאַרוואונדערט.

„אָ, כ'וואָלט בעסער אָנגעגאָסן צעמענט אַרום די פענצטער, וואָלט געווען אי היגיעניש, אי שענער און באַקוועמער."

„קוועלט ניט אָן אייער האַרץ פון דער שיינקייט פון די בלומען וואָס בליען דאָ איצטער אונטער אייערע פענצטער? אָט טאַקע די וואָס מען רופט זיי ‚גן־עדן פייגעלעך'. טוט אַ קוק די אַלע שאַטירונגען פון אָראַנדזש אין די בלעטער דורכגעפלאָכטן מיט בלויע פאַסיקלעך; זעט איר ניט די האַרמאָניע אין די צוויי קאָנטראַסטן? דערהייבט עס ניט אייער נשמה און מאַכט עס אייך ניט פילן נעענטער צו גאָט? קוקט זיך גוט צו וועט איר דערזען דאָס געטלעכע אונטער אייערע פענצטער!"

* * *

היינט, צו פינף און זעכציק יאָר, איז ער אַ ייד אַ יורד. — אָפּגעדאַוונט, אָפּגעדוכנט, אָפּגעזאָגט עלינו און...

אָ, יאָ, פאַראַן נאָך עטלעכע געציילטע, לאָיאַלע פריינט זיינע, פון אַמאָל, אַמאָל. זיי ווייסן אַז מען קאָן אים ניט פאַרדענקען. קיינער איז נאָך דעם דאָזיקן נסיון ניט בייגעשטאַנען. אָבער ניט זיי וויל אונדזער אַראָפּגעקומענער עקזעקוטיוו. ער וויל יחידי סגולה, גדולי הדור ווי ער. און זיי, די גדולים, זיי טראַכטן זיך: ביסט גאָרניט אַזאַ גרויסער גדול ווי דו האָסט געמיינט. און וואָס, משטיינס געזאָגט, קאָנסטו אונדז היינט געבן?

די שכנטע האָט אויסגעלאָצט אירע גרוי־קעצישע אויגן, מיך באַקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ און הייזעריקלעך אַ לאַך געטאָן: „בנאמנות, דו רעדסט ווי אַ קליינשטעטלדיקער גרינהאָרן. שוין צייט, כ'לעבן, זאָלסט זיך אַ ביסל אַמעריקאַניזירן. ס'דוכט זיך דיר נאָך אַלץ קאָנטיק, אַז דו לעבסט אין דער אַלטער היים, הע!"

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'איז איבעריק צו דיסקוטירן. דערזען האָב איך, אַז מיר לעבן אין צוויי פאַרשיידענע וועלטן. אפשר ווייל מיר האָבן אין אונדזערע קינדעריאָרן איינגעזאַפּט אין זיך אַנדערע איינדרוקן און אַנדערע איבערלעבונגען. זי איז געבוירן געוואָרן און זיך געהאָדעוועט אין דער ענגשאַפּט און שמוץ פון ניו־יאָרקער איסט־סייד, און איך בין געוואקסן אין פוילן אויף אַ פאַרם לעבן אַ וואַלד, אַ טייך, אַרומגערינגלט מיט גרינע פעלדער.

די מעשה מיט מיין שכנטע איז ניט דער אויסנאַם, דאָס איז דער כלל. אַזוי איז די מענטאַליטעט פון מענטשן וואָס וואוינען אין די גרויסע שטעט ווי אין פאַסטקעס, אָדער, ריכטיקער, אין שטייגן. און אין אַמעריקע וואוינען היינט אין די גרויסע שטעט 70 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

כ'דערמאָן מיך: כ'האָב אַמאָל ערגעץ וואו געלייענט אַ מעשהלע, וועל איך עס פרובירן איבערדערציילן פון זכרון: דער מענטש האָט זיך כסדר באַקלאָגט פאַר גאָט, אַז אונדזער פּלאַנעט געפעלט אים ניט. קיין זאַך פון באַשאַף טויג ניט. „אונדזער ערד," האָט דער מענטש געטענהט פאַר גאָט, „טויג אויף גוטע כפרות. אַלץ איז מאָנאָטאָן, לאַנגווייליק, מיאוס. מיט איין וואָרט: סאיז שלעכט געמאַכט."

האָט זיך גאָט שטאַרק פאַרוואונדערט און באַשלאָסן אָנצואווייזן דעם מענטשן אויף די שיינקייטן פון זיין שאַפונג. האָט ער אים געהייסן אָנקוקן די ראָמאַנטישקייט פון לבנה־שיין, די בלויע הימלען אין די הייכן, די בלומען אין זייער בליאונג, די מיסטעריע פון אַ זון־פאַרגאַנג, די מאַיעסטעטישקייט פון ים, די פאַנטאַס־



טישע קאָלירן פון די פאַרשיידענע פיש און פייגל, די קילקייט און גערויש פון ווינט, די מעכטיקייט און גראַנדיעזקייט פון די בערג, דעם צויבער פון די גייזערס, די מאַלערישקייט פון די זאַמד־דיונען, דעם אייביקן שניי אויף די שפּיצן פון די פעלדזן, די רואיקייט און שטילקייט פון אַ געדיכטן וואַלד, דאָס מורמלען פון די וואַסער־קוואַלן...

קיין זאַך איז אָבער דעם מענטשן ניט געפעלן געוואָרן. וואָס ער האָט געזען האָט אויף אים ניט געמאַכט קיין איינדרוק. זיין נשמה איז געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק און איז ניט גערירט געוואָרן פון די אַלע שיינקייטן.

איז גאָט געוואָרן מלא כעס און אַ זאָג געטאָן: „גוט, וועסט מער ניט זען די באַוועגונג פון די שוועבנדיקע וואָלקנס איבערן בלויען הימל, וועסט מער ניט הערן דאָס מורמלען פון די וואַסער־קוואַלן, וועסט אפילו ניט וויסן אויב די זון איז אויפגעגאַנגען אָדער פאַרגאַנגען, ווייל דער הימל וועט זיין פאַרצויגן מיט געדיכטע וואָלקנס רויך פון אַלערליי ברענשטאָפן; וועסט מער ניט הערן דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך, ווייל די באַוועגונג פון דיינע אויטאָמאָבילן וועט דיר פאַרהודזשען דעם קאָפּ; די לופט וועט זיין פאַרפּעסטעט און דו וועסט מער ניט פילן דאָס גלעטן פון אַ קילן ווינטל"... און גאָט האָט אַריינגעזעצט דעם מענטשן אין אַן ענגן אַפּאַרטמענט־הויז אין אַ גרויסער, טומלדיקער שטאָט.

אַ געלאָף, אַ גערויש, אַ טומל! מען לויפט, מען יאָגט זיך, מען שטופּט זיך — אַ הו־האַ! קיין רואיקייט, קיין געמיטלעכקייט. ניטאָ אפילו קיין מעגלעכקייט זיך מתיחד צו זיין מיט זיך אַליין, אַ פּשיטא שוין מיטן בורא עולם. אַלע זיינען באַהערשט פון איין קאָמפּלעקס: מאַכן וואָס מער געלט. הכסף יענה את הכול.

דאָ אין די גרויסע שטעט, פאַרגעסט מען, אַז שיינקייט און אמת גיבן דערהייבונג, זינען און ווערטן אין אַ מענטשנס לעבן. באַפרידיקן דעם הונגער פון האַרץ און דעם נייגיר פון דעם אינטעלעקט. מען איז אַזוי פאַרטויבט און פאַרדולט, אַז מען געדענקט גאָר ניט, כי השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע. (תהילים י"ט־א').

דער מענטש איז אַזוי פאַרלאָרן, אַזוי איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט, אַז ער פאַרלירט דאָס געפיל פון זיין אַ טייל פון דער אייביקייט. מען בענקט נאָך אַ גן־עדן און מען זעט ניט, אַז אונדזער ערד גופא וואָלט געקענט זיין אַ גן־עדן. ווען? ווען מיר אַלע וואָלטן פון דעם ניט געמאַכט קיין גיהנום. דאָס לעבן איז אַזוי קורץ: מען זעט זיך ניט אַרום און מען האַלט שוין ביי שקיעה; און אין וואָס זיינען מיר פאַרטאָן און אויף וואָס גיבן מיר אַוועק אַזוי פיל פון אונדזער צייט? — קלייניקייטן, קליינלעכקייטן, שטות, רכילות, קנאה־שנאה. שווער, זייער שווער איז דעם דורכשניטלעכן גרויס־שטאָטישן בירגער אינספּירירט צו ווערן פון עפּעס, זיך אַרויסהייבן פון זיין וואָכעדיקער טאָגטעגלעכקייט און זיך באַגייסטערן מיט עפּעס. דער מאָדערנער ציוויליזירטער מענטש האָט זיך דערפאָלגרייך אָפּגעגרענעצט פון דער נאַטור און אירע שיינקייטן. ער דערזעט אפילו ניט דאָס אויסערגעוויינלעכע אין געוויינלעכן און ער דערהערט ניט דעם קול דממה דקה אין יעדן שאָרך, מורמל און צוויטשער.

* * *

אין אַ געוויסן טאָג זיינען מיר געשטאַנען אין דעם צויבער־טאָל פון יאָסעמיטע פּאַרק. מיר זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע, מעכטיקע ריזן־פעלדזן. אַרום — מאַיעסטעטישע שטילקייט, מיסטישקייט, אַ געפיל פון אייביקייט און דאָס גליק און פרייד פון זיין אַ טייל פון דעם מעשה בראשית.

די אַלטע אומשטערבלעכע בערג זיינען געשטאַנען מיט זייערע שניי־ווייסע קעפּ פאַרריסן שטאָלץ אין די הימלען. זייערע נאַקעטע פיס האָבן זיך געטונקט אין די וואַסער־שטראָמען פון די קאַניאָנען. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין כוואַליעס קאָלירפולע ליכט־שטראַלן. טויזנטער פייגעלעך, בינען, פלאַטערלעך האָבן אָנגעפילט די לופט מיט הימלישן געזאַנג. דער מערסעד־טייך מיט זיינע קרישטאָל־ריינע וואַסערן האָט זיך געשלענגלט אין טאָל רואיק און שטיל, געלאַסן און מאַיעסטע־

טיש. די בלומען, ביימער און פעלדזן האָבן זיך געשפּיגלט אין זיינע וואַסערן.

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'הילכט אָפּ גאָטס שטים פון אוראַלטע צייטן: „של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת־קודש הוא." און ס'האָט זיך טאַקע געוואָלט אויסטאָן די שיך, ווייל דאָס אָרט איז פול געווען מיט קדושה.

מיט אַ מאָל דערהער איך אין דער שטומער שטילקייט אַ וואולגאַרע שטים: „מאַרגאַרעט! מאַרגאַרעט! פאַרגעס ניט אַז היינט ביינאַכט האָבן מיר אַ קאָרטן־פּאַרטי. זאָלסט ניט פאַרשפּעטיקן ווי דיין שטייגער איז, ווייל ס'וועט אונדז אויספעלן אַ האַנט." כ'האָב אַזש געגעבן אַ ציטער. אַזאַ מין פּראָפאַנאַציע! כ'האָב דערזען פאַר זיך אַ פרוי מיט קאָמפּלעט פאַרשטאָפּטע חושים. און זי איז ניט די איינציקע. עיניים להם ולא יראו, אָזניים להם ולא ישמעו. (זיי האָבן אויגן וואָס זעען ניט און אויערן וואָס הערן ניט). און ביי אַזאַ קאָמבינאַציע קען אויך דאָס האַרץ ניט פילן. ס'איז אַ פערפעקטע גרויס־שטאָטישע גלייכגילטיקייט צו דעם „מה רבו מעשיך ה'!"

אויף דער נחלה פון ערשטן אַמעריקאַנער פּרעזידענט, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אויף דעם ווערנאָן־באַרג אין ווירדזשיניא האָבן מיר זיך צוגעקוקט צו אַ זון־פאַרגאַנג אויפן פּאָטאָמאַק־טייך. די רייכסטע פאַנטאַזיע האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט דער ווירקלעכער איבערלעבונג. אַ רעגנבויגן פון האַרבסטיקע קאָלירן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער. הימל און טייך, ביימער און בלומען; אַלץ איז געווען באַלויכטן און דורכגעפלאָכטן פון די פאַרגייענדיקע לעצטע זון־שטראַלן. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אומעט, בענקשאַפט און דעמערונג. כ'האָב געפילט ווי דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד און אָנגעלאָדן מיט גליק. כ'האָב איינגעהאַלטן מיין אָטעם פאַר מורא, אַז אָט־אָט וועט עס זיך אָפּשטעלן.

אויף אַ באַנק זיינען בשעת מעשה געזעסן אַ גרופּע פרויען און איבערגעשמועסט אין וועלכן רעסטאָראַן זאָל מען ביינאַכט גיין עסן; זאָל עס זיין אַ רעסטאָראַן מיט דזשאַז־מוזיק, אָדער אַ געוויינלעכן אָרקעסטער.

אויף מאָרגן, ווען כ'האָב געפרעגט איינע פון די פרויען: „וואָס איז עס געווען אַזוי וויכטיק און אַזוי דרינגענד דווקא דאָרטן, אויפן באַרג, צו דיסקוטירן וועגן מיטאָג־עסן, האָט זי מיר גאַנץ נאַאיוו און אויפריכטיק געענטפערט: „מיר זיינען געפאָרן האָבן אַ 'גוט־טיים', פאַרברענגען אַביסל, איז וואָס, מ'ישטיינס געזאָגט, בלייבט אַ מענטשן אין לעבן, אויב ניט אָפּצועסן אַ גוטן מיטאָג אין אַ פיינער אַטמאָספער?"

„ווי האָט איר פאַרבראַכט אויף אייער רייזע קיין האַוואַי?" פרעג איך אַ באַקאַנטן, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען. „ווייס איך וואָס! ניטאָ וואָס צו זען. די זעלבע בערג דער זעלבער ים, און דאָרט איז אַזוי טומלדיק ווי אין לאָס אַנדזשעלעס. אַ ברירה האָט מען? די ווייב האָט זיך אָנגעזעצט, אַז צוליב פּרעסטיזש מוזן מיר איינשטיין אין באַרימטן וואַיקיקי האָטעל. אָבער גלייבט מיר באמנות, יעדער סענט איז געווען אַרויסגעוואָרפן. אין שטוב שלאָף איך אַ סך באַקוועמער."

און די מחלה פון אַרומלויפן אומעטום זוכן מציאות, איינהאַנדלען שמאַטעס, שלעפּן זיך באַלאָדן מיט פּעקלעך, זעקלעך און אויסגעריסן ווערן. צוליב וואָס און צוליב ווען?...

דער ענטפער איז: דאָס איז די נאַטור פון דעם מענטשן אין דער גרויסער שטאָט.

ווער איז שולדיק און צו וועמען זאָלן מיר האָבן טענות וואָס דער בן־אָדם פון די גרויסע טומלדיקע שטעט פאַרלירט זיין איידלקייט און פילבאַרקייט, וואָס זיין לעבן ווערט אַזוי באַגרענעצט, גרוי און לאַנגווייליק און די נשמה—אַזוי אויסגעליידיקט און דלותדיק ?

## ב.

דער ענטפער ליגט אויבן־אויף און ס'איז אים ניט שווער צו געפינען. סיבות זיינען פאַראַן אומגעהויער אַ סך: די טומלדיקע גרויסע שטעט מיט די רויך־פאַרצויגענע הימלען אויבן און דער פאַרפּעסטעטער לופט אונטן. אפילו פייגעלעך ניסן און הוסטן, האָבן קראַנקע לונגען און אַנטלויפן פון די גרויסע שטעט. געוויסע ביימער ווערן קראַנק, הערן אויף צו וואַקסן און שטאַרבן לאַנגזאַם אָפּ.



די גרויסע, ענג־אָנגעפּיקעוועטע אַפּאַרטמענט הייזער זיינען געבויט אַזוי טאַנדעט, אַז ס'איז ניטאָ קיין ברעקל פּריוואַטקייט. מען הערט ווען דער שכן באָדט זיך, ווען ער עסט, ווען ער קריגט זיך מיט זיין ווייב, וויפיל אַזייגער ער פאַרמאַכט זיין טעלעוויזיע, ווען נעמט ער אַרויס זיין הינטל אויף אַ שפּאַציר און וויפיל מאָל ער גייט ביינאַכט אין וואַשצימער.

ביי דער אַרבעט אין די פאַבריקן זיינען מערסטע אַרבעטער אין דער ראָל פון אויטאָמאַטן. מען איז אַ טייל פון דער מאַשין. מען איז בכלל ניט שעפּעריש, ווייל ווי ראָבאָטן טוט מען טאָג איין טאָג אויס נאָר דאָס זעלבע קליין פּיצעלע פון עפּעס אַן אַרבעט, וואָס מען ווייסט ניט, מען באַנעמט ניט און מען פאַרשטייט ניט די אידייע פון דער גאַנצער זאַך.

דער מוח נעמט אויף דערשיינונגען קאָמפּלעט פּאַסיוו. און מיר ווייסן, אַז אָן קרעאַטיווקייט, אָן אַקטיווקייט ווערט דער מוח אַטראָפירט ווי יעדער גליד, אָדער מוסקול וואָס ווערט ניט באַנוצט. די אַלע פאַרווייַלונגען מיט וועלכע אונדזער צייט־אָפּשניט איז אַזוי געבענטשט, פאַרטומלען נאָר, פאַרהילכן, צעשטרייען, צערייצן און טייטן אָפּ די מעגלעכקייט פון קאָנצענטרירן זיך. ווען אַ מענטש קען זיך ניט קאָנצענטרירן, פאַרלירט ער די פעאיקייט פון אַריינטראַכטן זיך און הערט אויף בכלל צו דענקען.

אַמעריקע איז דער עיקר שעפּעריש אויפן טעכנאָלאָגישן געביט. אין אונדזער ציוויליזאַציע איז דער עיקר תכלית, אוטיליטאַרקייט און פּראַקטישקייט. אַלץ ווערט געשאַפן און דערפונדן פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון דעם מענטשן: מאָדערנערע וואַש־מאַשינען, שענערע אויטאָמאָבילן, בעסערע טעלעוויזיעס, און אַזוי כסדר... מיר זעען וואונדערלעכע פּערפעקציאָנירטקייט אין אַלע געביטן פון דער טעכנאָלאָגיע.

מאַכט עס אָבער דעם מענטשן גליקלעכער?

ווילט זיך פרעגן, וואָס איז גליק? עס דאַכט זיך מיר, אַז מערסטע מענטשן פאַרמישן דעם באַגריף גליק מיט מאַטעריעלן דערפאָלג. מען מיינט, אַז וואָס מער געלט מען פאַרמאָגט, אַלץ גליקלעכער איז מען. ווען מען גיט אָבער כסדר אַ קוק אויף פאָטאָגראַפיעס אין די צייטונגען פון מולטי־מיליאָנערן און מען דערזעט די קאַלטע, האַרטע, פאַרגליווערטע און זויערע אויסדריקן פון זייערע פנימער, זייערע קינסטלער־שטייפע שמייכלען — איר קוקט אויף זיי און עס ווערט אייך קאַלט אין אַלע אבֿרים.. זיי זעען אויס צו זיין גאָר ווייט פון גליק.

און וואָס רייכער מען איז, אַלץ מער איז מען פול מיט פאַרדאַכטן, פאַרשיידענע חשדים. זיי, די גבירים, האָבן נאָר מורא, אַז דער ווייניקער מזלדיקער וויל זיי אָפּנאַרן, באַגנבענען, באַגזלען. מיר פאַרגעסן תמיד, אַז מען קען עסן אין איין און דער זעלבער צייט נאָר איין מאָלצייט, טראָגן נאָר איין בגד און איין פּאָר שיך.

אַמעריקע, וואָס איז דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט, האָט אויך די העכסטע צאָל מענטשן מיט צעשרויפטע נערוון און נשמה צערודערונגען, פונקט ווי די ענגלענדער ליידן כסדר פון קאַטאַרן, די פראַנצויזן זאָרגן זיך וועגן זייער לעבער, אַזוי זיינען די אַמעריקאַנער פאַרנומען מיט זייערע נערוון. די פּסיכיאַטאָרן זיינען מיט דער מיינונג, אַז יעדער צענטער פון דער באַפעלקערונג נייטיקט זיך אין אַ בעט אין אַ משוגעים־הויז, יעדער פינפטער האָט אַזוי פיל קאָמפּלעקסן, פּחדים, חשדים, אומזיכערקייט, ניט סטאַבילקייט, צעטומלטקייט א.אַז.וו., אַז ער נייטיקט זיך אין פּסיכיאַטרישער באַהאַנדלונג.

אַ פּסיכאָלאָג האָט דאָ־ווען געמאַכט אַן אַנקעטע. ער האָט אויסגעפרעגט דריי טויזנט מענטשן וועגן דעם זינען פון זייער לעבן; וואָס זיינען זייערע האָפענונגען, זייערע דערוואַרטונגען? 2820 האָבן געענטפערט, אַז זיי לעבן סתם, אָן אַ זין און אָן אַ ציל. די מערסטע פון די אויסגעפרעגטע זיינען געווען פול מיט חרטות, פאַרדראָסן, אַז די יאָרן זיינען אַוועק אין גאָרניט. מען האָט אַלע דערוואַרטונגען אָפּגעלייגט אויף מאָרגן און דער מאָרגן איז קיין מאָל ניט געקומען.

מערסטע מענטשן וואָס אַרבעטן, האַסן זייער אַרבעט. דאָס איז געגליכן צו אַ לאַנגזאַמען מאָרד. און די וואָס אַרבעטן

ניט שטאַרבן לאַנגזאַם אַוועק פון לאַנגווייליקייט.

דער מוח, דאָס האַרץ, די מוסקולן און די חושים זיינען געגעבן געוואָרן דעם מענטשן דאָס כסדר צו נוצן, און זאָל מיר דער גוטער גאָט מוחל זיין, ווי אומזיניק מיר פאַרלאָזן דאָס כסדר. וואָלטן מיר זיך אויפגעפירט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, וואָלטן מיר פאַרשאַרפט, פאַרטיפט און פערפעקציאָנירט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן.

די פיס נוצן שוין היינט ניט די מערסטע מענטשן אין אַמעריקע, ווייל מען פאָרט אין אויטאָמאָבילן. פאַרלירט מען ערשטנס די הנאה פון גיין, פון זען און פון אָבסערווירן גאָטס וועלט. צווייטנס, ווערן די פיס ביסלעכווייז אַטראָפירט אויף דער עלטער, ווען מען קען שוין ניט טרייבן קיין אויטאָמאָביל, הייבן די פיס אָן צו רעוואָלטירן און ווילן שוין דעם מענטשן מער ניט באַדינען.

לייענען עפּעס ווערטפולס, דאָס צעקייען און פאַרדייען האָט מען זיך ניט צוגעוואוינט; האָט מען דעם מוח ניט געשלייפט און דעריבער האָט מען אפילו ניט קיין אייגענע מיינונג, קיין אייגענעם געדאַנק. ביי דער אַרבעט טראַכט מען ניט, מען מאַכט עס מעכאַניש; ווען מען קומט פון דער אַרבעט אַהיים, זיצט מען שעהן ביי די קליאַטשע־פּראָגראַמען פון דער טעלעוויזיע. וואָס־זשע איז דאָ דער וואונדער, אַז דער מוח איז ביסלעכווייז געוואָרן ווי אַנעסטעזירט, אָפּגעסמט און אַטראָפירט.

איך האָב אבסערווירט אָפט אין ניו־יאָרק די שכנים אין אַפּאַרטמענט־הויז פון מיינע קרובים. דאָס זיינען אַלץ מענטשן אין די מיטעלע יאָרן, אָדער אין אָנהייב פון די עלטערע יאָרן. פון אַלע דרייסיק שכנים, שרייבן אויס די ענגלישע צייטונג נאָר צוויי פערזאָן. וועגן אַ יידישער צייטונג איז דאָך שוין איבעריק צו ריידן. די מענטשן לייענען אַבסאָלוט גאָרניט. זיי גייען אויס פון לאַנגוייל. זיי זיינען אַלע מאָל איריטירט, גערייצט, פילן זיך כסדר באַעוולט און זיינען תמיד גרייט זיך צו פעכטלען; אויב ניט מיט די הענט, איז כאָטש מיט דער צונג:

דוואָשע עפנט אויף צו פרי איר ראַדיאָ און וועקט אויף די איבעריקע שכנים — קריגט מען זיך. סאָשע פאַרמאַכט צו שפּעט איר טעלעוויזיע, לאָזט זי די שכנים ניט איינשלאָפן. איז ווידער אַ מורמלעריי, ריידעריי, וואָס ענדיקט זיך אין אַ זידלעריי. בערטאַ איז אַביסל טויב, הערט מען איר טעלעוויזיע אין אַנדערע דירות, איז ווידער רוגזות. יאַנקל וואוינט אויפן צווייטן גאָרן, ליידט פון שלאָפלאָזיקייט, דרייט ער זיך אַרום ביז הערט, גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין זיין וואוינונג; זיינע שכנים וואָס וואוינען אונטער אים, מיט אַ גאָרן נידעריקער, קענען ניט שלאָפן, ווייל די פּאָדלאָגע סקריפּעט פון זיינע טריט; זיינען אַלע אָנגעבלאָזן, ברוגז און מען קריגט זיך. און אַזוי טאָג נאָך טאָג. טעג קומען, טעג גייען און פאַרגייען און מענטשן פּטרן זייער צייט אויף קליינטשינקע, פּיטשינקע שטותערייען. דערווייל פאַרזעט מען גרויסע, דערהויבענע איבערלעבונגען.

אונדזער לעבן איז אַן אָפן בוך, פול מיט אילוסטראַציעס. מיר קענען אַ סך לערנען פון אונדזערע אייגענע דערפאַרונגען און דורכפאַלן. מיר קענען אויך לערנען פון אַנדערע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין שטראָם פון לעבן און זיינען צום באַדויערן אין ערגעץ ניט דערשוואומען. זיי זיינען אָדער פאַרשוועקט געוואָרן, אָדער אויסגעשווענקט.

ניין, בשום אופן ניט ! מאַטעריעלער דערפאָלג ברענגט זייער, זייער זעלטן אמתן גליק. פאַרקערט, מאַטעריעלער דערפאָלג ברענגט מיט זיך אָן אַ שיעור אַנטוישונגען, מורא פאַר אַ דורכפאַל, געפיל פון אומזיכערקייט: דאָס שעפל זאָל זיך חלילה ניט איבערקערן און דאָס מילך זאָל זיך ניט אויסגיסן.

דאָקטוירים (וואָס יאָגן זיך אגב אַליין נאָך מאַטעריעלן דערפאָלג) געפינען אויס, אַז דער דראַנג נאָך דערפאָלג איז דער מקור פון נערוועזע צוזאַמענברוכן, האַרץ־אַטאַקעס, איינזאַמקייט און זאָרג. דאָס ברענגט אויך צו פאַרשיידענע פאַרקריפּלענדיקע דעפאָרמירונגען און אפילו זעלבסטמאָרד.

אין די אויגן פון דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט און אויך פאַר דעם נאָענטן אַרום זעען אַ סך מענטשן אויס ווי אַ גרויסער דערפאָלג, אָבער קיינער באַמערקט ניט אַז די נשמות פון די דאָזיקע



„דערפאָלגרייכע״ זיינען דערשטיקט. זיי טראַכטן ניט קיין אייגענע געדאַנקען, ריידן ניט אויפריכטיק; מען מוז זיך צופּאַסן צו „פּאָבליק אָפּיניאָן״, די גאַס דיקטירט און קאָנטראָלירט אונדזער לעבן: קליידונג, שפּייז, פאַרוויילונג — אַלץ איז פאַר אונדז צוגעגרייט אין פאָרויס. מיר מוזן נעמען פון דער מאַסן פּראָדוקציע וואָס עס לאָזט זיך. קיינעם גייט ניט אָן אונדזער אינדיווידועלער געשמאַק. ס'איז אויך אַ פראַגע, אויב אַזאַ געשמאַק איז בנימצא.

אין די גרויסע שטעט פאַרלירן מיר ניט נאָר אונדזער צלם אלוקים, ניט נאָר אונדזער חוש, אַז מיר זיינען אַ טייל פון אין־סוף; מיר פאַרלירן ניט נאָר אונדזער געפיל און באַגייסטערונג פאַר דער שיינקייט פון גאָטס וועלט, נאָר מיר פאַרלירן אפילו אונדזער אינדיווידועלקייט. מען ווערט אַ טייל פון אַ סטאַדע. דאָס וואָס די גאַנצע טשערעדע טוט, דאָס טוען אַלע. דער אַלגעמיינער דרוק אין דער גרויסער שטאָט אויפן יחיד איז אַזוי שטאַרק, אַז זיין א י ך ווערט צעשטויבט, צעמאָלן, צעשמעטערט.

ס'קומט אויס, אַז מיר עקזיסטירן נאָר; ס'מיינט אָבער ניט, אַז מיר זיינען דאָס וואָס אונדזער באַשעפער האָט געמיינט מיר זאָלן ווערן. עקזיסטירן מיינט נאָך ניט לעבן. אַ סך מאָל מיינט עס פּשוט וועגיטירן.

פון פריסטן עלטער ווייסן מיר, אַז מיר וועלן דאַרפן שטאַרבן. מיר לעבן אויס אונדזער לעבנס־שפּאַן און מיר האָבן זיך אָבער קיין מאָל ניט אויסגעלערנט לעבן. פּונקט ווי פּאַוסט, האָבן מיר פאַרקויפט אונדזערע נשמות צום גאָט פון דערפאָלג. וואָס־זשע איז דער וואונדער, אַז די וועלט פון מערסטע מענטשן איז אַזוי קליין און אַזוי אָרעם, די חושים פאַרשטאָפּט און דאָס האַרץ אַזוי פאַרגרעבט? אָט ווי די נשמהלע אין פּרצעס „דריי מתנות״, וואָס זוכט באַהאַלטענע מעשים טובים. בשעתן זוכן טראַכט זי: „די וועלט איז אַזוי אָרעם, די מענטשן אַזוי מיטלמעסיק און גרוי אויף דער נשמה, און די מעשים זייערע זיינען אַזוי קליין... ווי קומט צו זיי עפּעס אויסטערליש?״

### ג.

זיינען טאַקע די שולן אין די גרויסע שטעט דערציאונגס־אַנשטאַלטן אָדער נאָר לערן־אַנשטאַלטן?

זיינען די שול־פּראָגראַמען געבויט אויף דענקען, אָדער נאָר געדענקען? גיט מען זיך אָפּ אין די שולן מיטן וויסן פון די תלמידים אָדער אויך מיט זייער געוויסן?

אַנטוויקלען די שולן די פּאָטענציעלע פעאיקייטן און מעגלעכקייטן פון זייערע תלמידים? (יעדער תלמיד איז דאָך אַן אוניקום — ניטאָ קיין צווייטער וואָס זאָל זיין ענלעך צום אים).

זאָרגט מען אין די שולן וועגן די ידיעות און קענטעניש פון די תלמידים, אָדער מען זאָרגט אויך וועגן כאַראַקטער פון תלמיד, זיין נשמה און זיין אינטערעס און באַציאונג צו מענטש, וועלט און גאָט?

אין גרויע, גרויסע, איבערגעפּאַקטע קלאַסן אויף טומלדיקע, אָפט עיפּושדיקע גאַסן, זיצן אָפּ תלמידים דעם גרעסטן טייל פון זייערע שענסטע יאָרן ביי טעסטן, אַנקעטעס, סטאַטיסטיקס, קאָפּיעס, ביים חזרן און איבערקייען פרעמדע געדאַנקען.

ווי ליב און טייער די שולן זיינען און ווי איינגעבאַקן זיי זיינען אין די הערצער פון זייערע תלמידים — דאָס קען מען זען יאָר איין יאָר אויס, לויט דער צאָל אויסגעבראָכענע שויבן. מען שאַצט, אַז יעדן יאָר טרעפן אָן די היזקות ביי זעקס מיליאָן דאָלער.

סוף סעפּטעמבער, קאַרגע דריי וואָכן ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע לערן־יאָר, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ניו־יאָרק. מיינע אַ געוועזענע קאַנאַדער תלמידה, איצט פּראָפעסאָר פון דערציאונג אין קאָלומביער אוניווערסיטעט און שוין אַ מחברטע פון עטלעכע ביכער אין פּעדאַגאָגיק, האָט מיך איינגעלאַדן צו זען אַ נייע שול.

„קומט, לערערקע,״ האָט זי מיט מיר איינגעטענהט, „ס'וועט זיין פאַר אייך פון גרויס אינטערעס צו זען אַ נייע, מאָדערנע שול געבויט אין גאַנצן מיט אַן אָריגינעלער, אינטערעסאַנטער אַרכיטעקטאָנישער וויזיע. דער אַרכיטעקט איז אַ גאון — און די געביידע וועט ווערן דער מוסטער פאַר שולן פון דער צוקונפט.״

כ׳האָב טאַקע געהאַט אַנדערע פלענער, ס׳האָט מיך אָבער פאַראינטריגירט. (פאָרט געווען אַזוי פיל יאָרן אַ לערערקע). גערעדט און געטאָן: האָבן מיר געכאַפט אַ טעקסי און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. מיין געוועזענע תלמידה, וואָס האָט צו מיין פרייד, ווייט אַריבערגעשטיגן איר אַמאָליקע לערערקע, איז געווען פול מיט התפעלות. אין דער האַלבער שעה וואָס ס׳האָט אונדז געדויערט דאָס פאָרן האָט זי מיר געהאַלטן אין איין דערציילן אין דעטאַלן וועגן די גרויסע וואונדער פון דער שול. איך בין געזעסן מיט אַן אָפן מויל און אָנגעשטעלטע אויערן.

צוקומען נאָענט צו דער געביידע מיט אַ טעקסי האָט מען ניט געקענט, ווייל דער וועג איז געווען אָפגעשלאָסן. זיינען מיר אַרויס אַ פאָר בלאָק פריער און געלאָזט זיך צופוס. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום בנין און ס׳איז אונדז תיכף קלאָר געוואָרן וואָס דאָ איז געשען. אַלע שויבן פון דער ריזיקער געביידע זיינען געווען אויסגעבראָכן. אַרום און אַרום האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער גלאָז אין פאַרשיידענע גרייסן. ס׳האָט געמאַכט אַן אומהיימלעכן איינדרוק. די שול, וואָס מען האָט איר מיט אַזאַ קורצער צייט דערעפנט מיט אַזוי פיל יום־טובדיקייט און ענטוזיאַזם, האָט אויסגעזען ווי אַ געשפענסט. אין טייל פענצטער זיינען די שויבן געווען „פערפעקט״ אויסגעבראָכן, און פון אַנדערע פענצטער האָבן די הענגענדיקע שטיקער גלאָז אויסגעזען ווי האַלב־צעבראָכענע ציינער אין אַ גרויסן אויסגעקרימטן מויל.

מיר זיינען ביידע געשטאַנען דערשיטערט. מיין געוועזענע תלמידה האָט מיט אַ פאַרקוועטשטן פויסט געפאָכעט אין דער ריכטונג פון דער שול־געביידע און היסטעריש געשריען: „וואַנדאַלן! פראים! ווילדע חיות בצורת מענטש!... מיאוסע ברואים אָן נשמות און אָן אַ גאָט אין האַרצן!... מיר לעבן אין אַ דזשאָנגל, וואו אפילו די געזעצן פון דזשאָנגל עקזיסטירן מער ניט!...״

אין דער צייט וואָס די פראָפעסאָרין פון קאָלומביא אוניווערסיטעט האָט זיך אַזוי געהיצט און זיך געגעסן דאָס האַרץ — האָט אַ גרופע תלמידים, טאַקע פון אָט דער מוסטער־שול, געשפילט מיט ענטוזיאַזם אין פילקע. ס׳איז זיי ממש געשען אַן אומדערוואַרטער גליק. איין קליינינקייט, וואַקאַציעס אין גאַנצן נאָך קנאַפע דריי וואָכן לערנען. און ביז מען וועט אָפראַמען דאָס ברוכוואַרג און צוריק אַריינשטעלן נייע שויבן וועט דויערן אַ פיינע שטיקל צייט. איז דערווייל חי־געלעבט!...

אויסברעכן שויבן אין שול־געביידעס קען פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מילדן ספאָרט, אויב מיר זאָלן עס פאַרגלייכן מיט בייזוויליקן אונטערצינדן פון שול־געביידעס דורך תלמידים. דאָ, ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס, איז עס אויך ניט קיין זעלטענע דערשיינונג. היי־יאָר האָט זיך אַ שרפה אין אַ שול אָנגעהויבן פון דער שול־ביבליאָטעק. אונטערזוכער האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס „שיינע״ שטיקל אַרבעט איז אָפגעטאָן געוואָרן דורך „צאַרטע״ הענט פון עטלעכע זעכצן־יאָריקע מיידלעך. ס׳איז אומגלויבלעך, שוידערלעך און גרויזאַם, מען זאָל קענען בייזוויליק אונטערצינדן ביכער. (וואָס דאָס דערמאָנט — קען יעדער אַליין פאַרשטיין).

אַוועק זיינען די צייטן, ווען שולן זיינען געווען פאַר די קינדער ווי אַ מקום קדוש, ווי להבדיל, אַ בית המקדש. שולן, וואו אידעאַליסטישע, גלייביקע לערער האָבן מיט זייער געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט, וואַרעמקייט און מענטשלעכקייט אויך אָנגעשטעקט זייערע תלמידים. אָט־די דאָזיקע פינאַנציעל־אָרעמע, שלעכט־באַצאָלטע לערער איז געלונגען אָנצוצינדן און פאַנאַנדערצובלאָזן די טליענדיקע פייערלעך אין קינדערשע הערצער. די אָרעמע, נעבעכדיקע, שלעכט־אויסגעשטאַטע שולן זיינען פאַר די קינדער געווען ווי לייכט־טורעמס, וואָס באַלייכטן און ווייזן דעם וועג. גאָט האָט נאָך געלעבט אין די הערצער פון מענטשן. אפילו אונטערוועלט־מענטשן און שווערע פאַרברעכער האָבן געהאַט אַ געוויסן וואָס מאָנט און דערמאָנט, מאַטערט, לאָזט ניט צורו און רויבט אַוועק דעם שלאָף אין די נעכט. אַמאָל האָט מען זיך אָפגעהאַלטן פון גנבענען, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר גאָט. היינט, אויב מען טוט עס ניט, איז



עס דערפאַר, ווייל מען האָט מורא פאַר מענטשן. נישט דאָס געוויסן מאַטערט, נאָר טאָמער וועט מען זיך דערוויסן.

וואָס די גרויסע שפייען טוען די קליינע קייען. דער מאָראַלישער, אָדער אוממאָראַלישער אויפפיר פון דער היים, דער גאַס, דער סביבה שפיגלט זיך אָפ אין די נשמות פון די קינדער. אַלץ ווערט אין זיי אַריינגעזאַפט — דאָס גוטע און דאָס בידערטרעכטיקע.

אַמאָל האָבן לערער באַטראַכט זייער פראָפעסיע ווי אַ שליחות, ווי אַן עבודת הקודש. און טאַקע, וואָס האָט געקענט זיין נאָבעלער ווי פורעמען אַ קינדס כאַראַקטער, שלייפן זיין מוח, פאַרזייען אַלץ וואָס דאַרף ווערן דער אינהאַלט פון זיין נשמה. דער לערער האָט זיך באַמיט איינצושפאַנען די אינסטינקטן פון די קינדער אין פראָצעס פון לערנען, סטימולירן זייערע אינטערעסן. אַמאָל זיינען קודם כל געווען וויכטיק די דערציערישע מאָמענטן פון די לימודים, דאָס פאַרברייטערן דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון די קינדער, דאָס אַנטוויקלען די העכערע עמאָציעס.

היינט זיינען ניט די קינדער אין פאָקוס (אין צענטער) נאָר די פראָגראַם, דער סכום ידיעות און קענטענישן פון תלמיד. איז קאָמפעטיציע, קאָנקורענץ, פאַרמעסטונגען, אַ יאָגן זיך נאָך בעסערע מיינונגען — און מיט דעם קומט געשפאַנטקייט, נערוועזקייט, קאָמפלעקסן, דערדריקונגען און צערודערונגען. צענדליקער לערער אין איין קלאַס, צעפיצלדיקייט פון די לימודים און שטיקלעך און ברעקלעך אין די קעפ פון די תלמידים.

ווי וויסנגיריק קליינע קינדער זיינען, ווי זיי פאַרמאַטערן דאָס מיט פראַגעס און ווילן אויף אַלץ אַן ענטפער. גאָט האָט זיי געגעבן רייכע נשמות, פאַרזייט אין זיי זאָמען פון אַלע פעאיקייטן. האָט מען דאָס אָבער אין זיי ניט אַנטוויקלט. די שפראַך וואָס מען רעדט מיט די תלמידים אין די שולן איז בלויז אַ טעכנישע. זיי ווייסן אַ סך אויסגעלערנטע זאַכן, אָבער זייער אייגענע נשמה קענען זיי ניט אַרויסברענגען. די פראָגראַמען וואָס מען לערנט מיט די קינדער, לערנען אויס וויסן און געדענקען וואָס דער און יענער האָט געזאָגט; זיי קענען אָבער ניט אַרויסברענגען וואָס זיי אַליין לעבן איבער, וואָס זיי פילן און פאַרשטייען. בלייבט אַלץ דערשטיקט אין זיי.

איז דען אַ וואונדער וואָס קינדער לעבן נאָענט פון ים און דאָך בלייבט ער זיי פרעמד. זיי פילן ניט זיין גרויסקייט און זיי באַמערקן ניט זיין אומענדלעכע בלויקייט. זיי זעען ניט די קליינקייט פון מענטשן, זיין נאַרישע גאווה און פיטשינקע אַמביציעס אין דער שכנות פון דער מיסטעריע וואָס רופט זיך ים. ווי ווייט זיי זיינען מיט זייער האַרץ און געפיל פון דעם אַלעם. ווען מען באַמערקט ניט, האָט מען אויך ניט דאָס גליק פון איבערלעבן אַליין דאָס געטלעכע פון דעם אַרום. ניט די היים, ניט די שול גיט עס; אויך ניט די פראָגראַמען וואָס זיי לערנען און ניט די עקזאַמענס וואָס זיי מאַכן דורך.

יאָ, מען לערנט אין די שולן נאַטור; אָבער אין פראָגראַם איז דאָס וויכטיקסטע וואָס פאַר אַ נוצן דער מענטש קען פון דעם האָבן. פונקט ווי גאָטס וועלט וואָלט געווען באַשאַפן נאָר פאַרן מאָגן. מען האָט זיי ניט אויסגעלערנט צו פילן דאָס גרויסע גליק ווען מען איז צוגעבונדן צו דער נאַטור. שטאָטישע קינדער באַנעמען ניט וואָס דאָס מיינט צו זיין אַ קליין־קליינטשיק טיילכעלע פון דעם גאַנצן „אחד״. זיי זיינען ווייט אי פון דער ערד, אי פון הימל.

און ווען זיי וואַקסן אויס?—

אַ מינדערהייט רעוואָלטירט קעגן אָנגענומענע נאָרמען און ווייסט אָבער ניט וואו און ווי צו געפינען נייע וועגן. די מערהייט פאַסט זיך אַריין אין אַלגעמיינעם שטראָם פון לעבן.

דאָ האָבן מיר דעם ענטפער: פאַרוואָס אונדזערע שטעט זיינען פול מיט אַזוי פיל קאָנפאָרמיסטן, מיט אַזוי פיל קליינע, גרויע מענטשן. מען איז אויסגעליידיקט פון אידעאַלן, פון קדושה, פון בענקענישן און זוכענישן. איז „אכול ושתה, כי מחר נמות.״ — לאָמיר לעבן אַ טאָג; לאָמיר פאַרברענגען, הולטאַיעווען, ווייל מאָרגן קען זיין צו שפעט!

# שרייבער און ביכער

צבי שטאָק / ניו־יאָרק

## אַ פונק אין טונקל
### (דאָס נייע בוך לידער פון יאָסל קאָהן)

וואו ס'ענדיקט זיך ביים מענטש די השגה, וואָס איז אָנגעקניפּט אָן די פינף חושים, הייבט זיך אָן זיין העכערע השגה, די אַזוי־גערופענע גייסטיקע השגה, און עס בייט זיך זיין מענטשלעכער באַגריף, זיין תּפיסה פון זאַכן, געשעענישן און דער־שיינונגען אין און אַרום אים. און אויב דאָס געשעט ביים פּשוטן בשר־ודם, אַ כל־שכן שוין ביים דיכטער, ביים לירי־קער, ביי יענעם, וועלכער איז גענייגט אויפצוכאַפּן ענינים דורך דער דיכטערי־שער, סימבאָלישער פּריזמע און זיי צו באַשרייבן אין ריטם, אין גראַם, אין זינ־געוודיקע שורות און פּאַראַגראַפן.

אַ פונק אין טונקל, דאָס זיבעטע בוך לידער פון יאָסל קאָהן, איז אַן עדות אויף דעם אויבן־געזאָגטן

אין משך פון יאָרן האָט זיך היפּשלעך געביטן יאָסל קאָהנס קוק אויפן לעבן בכלל, אויפן יידישן לעבן בפּרט און אויפן דיכטערישן באַנעם אַוודאי און אַוודאי. און געביטן האָט זיך זיין קוק צום שענערן און בעסערן, צום איידעלערן און דער־הויבענערן. מיר לייענען עס גלייך אין ערשטן ליד פון זיין איצטיקן בוך אַ פונק אין טונקל (ז"ז 11):

געקומען איז מיר דער זיידע צו חלום,
זיין באָרד אַ פלאַם, ס'לויכטן די אויגן,
מיר'ן זיך געבן שלום.
ווי אין אַ חלום איז ער פאַרפלויגן.

און יאָסל קאָהן זאָגט ווייטער:

זיינע רייד קוועלן מיט חכמה,
איך שעפּ זי ווי פון אַ ברונים ;
באַשערט מיר די גרויסע הצלחה
צו זיצן ווידער נעבן זיידן יעקב בונים.

און דער דיכטער זאָגט ווייטער אין זיין ערשטן ליד, אַז ווען ער האָט באַגעגנט זיין זיידן איז אין אים „אויפגעגאַנגען אַ צע־צונדענע פרייד. עקסטאַז געוועלטיקט און טוט אים ציען. פליגלען ווערן זיינע רייד, זיי גרייטן אים צו קענען פליען."

און יאָסל קאָהן זאָגט :

איך וויל נישט פליען אַליין,
נאָר מיט מיין זיידן צוזאַמען ;
נאָר ווי דער זיידע פאַרנעמט זיך מיט
געבן אים צו פאַרשטיין — — —
הויבן אים אָן פאַרשלינגען פלאַמען.

פאַרגאַנגען, זאָגט דער דיכטער,
בין איך אין גרויס געוויין —
ווינען אַזוי קאָן מען נאָר אין חלום —
געבליבן בין איך אָבער נישט אַליין,
ס'האָט דער זיידע מיך פאַרצווילינגט
מיט קיום !.

און ווען דער זיידע נעמט צוריק איילן זיך צום הייליקן אָרט, איידער מענטשן נעמען דעם טאָג שענדן, צינדט זיך אָן גאָטס וואָרט און ס'ווערט איינגעשמידט (אין דער אייביקייט... צ.ש.), אַז מ'זאָל עס קיין מאָל נישט קענען פאַרלענדן...

דאָס ליד פון דעם ערשטן טייל, וואָס רופט זיך האַלב־נאַכט (חצות) איז אַן עדות אויף אַ טיפער, טיף־געאַנטער דער־שפירונג פון דער יידישער גרויסער טראַ־געדיע אין דעם לעצטן גלאָבאַלן וועלט־אומגליק, אין וועלכן מיר יידן זיינען גע־ווען דער שעיר לעזאזל און מיר זיינען נישט טאָטאַל אונטערגעגאַנגען, ווייל מיר זיינען פאַרזיווגט מיט דער אייביקייט דורך אונדזער אמונה, דורך אונדזער תורה, דורך אונדזער אייביקן גאָטס־באַגריף.

צינד אָן מיט בטחון, באָבע ריווע,
זאָלן דיינע קינדער דיך אַרומרינגלען.
א. אַז. וו.
אויסגעפּוצט האָסטו זיך, באָבע ריווע,
אין דיין פלושן־קלייד—
האָסט אונדז צו זיך פאַרבעטן —
דו האָסט אויפגעלויכטן, ווי
ווען דו פלעגסט צו גאָט בעטן !
אא"וו (זייט 19)



אָדער ווען יאָסל קאָהן זינגט וועגן יצחק ליכטנשטיינס בילדער:

עס פליט אַ יידעלע צו מיר אַריין,
אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין קדושה,
באַשערט: מיר ביידע זאָלן זיין
פון טויזנטער דורות די ירושה...
(א.אַז.וו. זייט 40)

ווילט זיך נישט אַוועקגיין פון דעם ערשטן טייל חצות (האַלבע נאַכט) און ניט דערמאָנען דעם־טיף־דורכגעפירטן פּראָ־טעסט, וואָס דער דיכטער רעדט אַרויס אין זיך פון דעם אייביקן איוב־פּסוק: „ותסיתני לבלעו חיים," איבער וועלכן די גמרא זאָגט שוין (בבא בתרא דף ט"ז), אַז ווען דאָס וואָלט נישט געווען קיין פּסוק וואָלט מען עס נישט געטאָרט אַרויסריידן מיטן מויל. נאָר ליידער איז עס אַ מורא־דיקע טראַגעדיע געווען — דער אומקום פון זעקס מיליאָן — און ווען דער דיכטער פּראָטעסטירט און נעמט דעם פּסוק אין איוב אָן פאַר אַ פּראָטעסט־וואָפן, מעגן מיר אים פולשטענדיק מוחל זיין.

ביסט אין רשות פון שטן —
ער האָט זיך איבערגעשטאַרקט.
פון אים האָסטו זיך געלאָזן אָנרעדן:
אַ פאַרשולדיקטער האָסטו דעם שטן
אויסגערעדט :
— דו האָסט מיך אָנגערייצט אים
צו פאַרדאַרבן אומזיסט — —

ס'איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען, אַז גרויסע אמתן וועגן אונדזער דיכטעריש וועלטל ווערן אַרויסגעזאָגט פון יאָסל קאָהן אין זיין ליד אָן אַ טרייסט, וואו ער זאָגט:

ברודער פּאָעט, לאָמיר טאָן אַ שמועס—
ס'איז קאַלט אונדז ביידן.
מיר ווערן געיאָגט פון אַ טעות—
לאָסט — דאָס צוזאַמענריידן.
אַרום אונדז איז טרויעריק.
אין שרעק קנוילן מיר זיך ווי לעמער.
נישטאָ שוין קיין קומען צוריק —
אונדזער מחנה ווערט קלענער.

ס'איז געווען וואויל אַמאָל,
יוגנט האָט אונדז באַהעלט.
אַ סך געווען אונדזער צאָל,
מיר— אין צענטער פון דער וועלט.
געוואַלדיק טרויעריק און פּעסימיסטיש.

אמת, ביטערע וואָר, נאָר אַ טיפער מוסר־השכל צו די דיכטער, אַז זיי זיינען נישט די איינציקע וואָס דאַרפן זיך קלאָגן אויף פאַרגעסן ווערן :

זע, לעש־אויס דיין צאָרן,
ברודער, הער־אויף זיך קלעמען ;
טויזנטער פּאָעטן זיינען פאַרגעסן
געוואָרן—
צי געדענקט מען דען זייערע נעמען?

אָבער פונקט אַנטקעגן אָט־דעם פּעסי־מיסטישן ליד איז די עשירות פון פּאָעט, אין וועלכן ס'טויכט זיך אַ ליכטיק־אָפּטי־מיסטישער מזמור־שיר צום פאַרמעגן און דער אינערלעכער שפע פון דעם פּאָעטישן וואָרט, וואו דאָס ליד ענדיקט זיך מיט:

גאָלד פאַרמאָגט דער גביר;
דער קריגער האָט זיין שווערד.
דעם פּאָעט נאָר פאַר אַ ציר
איז פוץ פון וואָרט באַשערט.

וואָרט טוט ווי פייגל פליען,
וואָרט קען אויך אַ בלום ווערן,
וואָרט קען צו הימלען ציען—
וואָרט קען ווערן אַ שטערן.

וואָרט קען ווי שיפן פירן,
וואָרט קען דערהייבן באַגער.;;;
וואָרט טוט דעם פּאָעט באַצירן
מיט דער ליכטיקייט פון אַ טרער.

מיר מוזן, צוליב קורצקייט פון פּלאַץ, פאַרענדיקן דעם איבערבליק און ווינטשן יאָסל קאָהן נאָך אַ סך יאָרן פון שאַפונגס־פרייד, און מיט ווערטער פון זיין אייגענעם קאַפּיטל תהלים ליד ביים סוף פון בוך, צוגעבנדיק אַן אייגענעם סטראָף:

אַשרי — וואויל איז דעם פּאָעט, וואָס קען זיך אַרויסרייסן פון דער טונקל פון ווירקלעכע פיינלעכע געשעענישן אין אַ וועלט וואָס איז נאָך היפּשלעך ווייט פון ליכט און אָנצינדן אַ פונק פון נשמהדיקער ליכטיקייט, וואָס גיט אים דאָס רעכט צו לעבן און טראָגן דרייסט זיין אָריגינעלע שליחות.

# אויפן פרישן קבר פון נח גאָלדבערג ע"ה

לוי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

## נ י ש ט אָ

(אין אָנדענק פון מיין חבר נח גאָלדבערג ע"ה)

אַזויפיל גרויל איז פאַראַנען אין איין וואָרט: נישטאָ.
צי מען זאָגט עס אויף פּרנסה, צי אויף אַ מענטש — געעקט.
אין דעם וואָרט ליגט דאָך פאַרפיקסירט אונדזער זעקס־מיליאָן,
וואָס די חיה־רעה פון דעם ערד־קיילעך האָט אָפּגעמעקט.

היינט פאַרבייט איך אָט דעם וואָרט אויף איין מענטש — בריאה
אין גאָטס געשטאַלט, ווי מען אַנט נאָר וועגן זיך אַליין.
און אַ טרער באַזעצט זיך אויף מיין אָבלדיקער ראיה,
וואָס באַוויינט, באַוויינט אַ חברס אונטערגיין.

ער איז געווען מיר נאָענט, ווי דאָס האַרץ מיר אייגן,
ווי אַ קישן ווייך זיין אַקסל מיין קאָפּ אָנצושפּאַרן.
ער איז אויך געווען דער דאָן־קיכאָט, וואָס איז געפלויגן
אין לופט אָן פליגל, כדי זיך אַליין אָפּצונאַרן...

נישטאָ אים. אויסגערונען... ווי ביים ים עס טרעפט זיך
מיט זאַמד, וואָס מען לאָזט אַדורכגיין דורך די פינגער.
נישטאָ אָט דער וואָס האָט מיט גאָטס וואָרט באַהעפט זיך
כדי זיין געמאַטערט לעבן זאָל אים ווערן גרינגער.

כאָטש געווען האַרטנעקיק, ווי פון מעטאַל געפורמט,
האָט דאָך די צייט אים ווייך געמאַכט מיט דער ערד צוזאַמען.
זי האָט אים איינגעשלונגען, ווי עס טרעפט זיך אין אַ שטורעם
מיט אַ שיף, וואָס אַ שד פאַרזינקט זי אין די ימען.



יעקב שמואל טויבעס

# נח גאָלדבערג, ע"ה

שוין נח גאָלז בערגס ערשטע פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען האָבן געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אויפגעשיינט אַ טאַלאַנטירטער בעלעטריסט, אַ באַדייטנדיקער קינסטלער. און אָט־די מיינונג וועגן אים איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דער גאַנצער צייט פון זיינע שפּעטערישע יאָרן. פון סאַמע אָנפאַנג האָט זיך שוין אַנטפּלעקט פאַרן לייענער גאָלדבערגס ליבשאַפט צו דער נאַטור אין אַלע אירע פאָרמען, צום דומם, צומח וחי און, פאַרשטייט זיך, צו דער קרוין פון באַשאַף, צום מענטש.

די דאָזיקע באַציאונג גאָלדבערגס צו דער טבע איז אָבער ניט געווען די גוזמאַדיקע נאַטור־פאַרערונג, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט איבערגענומען פון דער וועלט־ליטעראַטור, בפרט פון דער דייטשישער ליריק. עס איז נישט געווען דאָס ראָמאַנטישע פאַרשיכורט־זיין פון דער נאַטור, וואָס י. ל. פּרץ האָט דערפון אַזוי שאַרף אָפּגעחוזקט אין זיין וואונדערלעכער דערציילונג: „שהשמחה במעונו.“..

דאָס וואָס טיילט אויס גאָלדבערגן, אין דעם פּרט, פון אַנדערע יידישע דערציילער, איז דער אומשטאַנד, וואָס ער פלעגט קוקן אויף דער נאַטור ניט מיט ראָמאַנטישע, נייערט מיט רעאַליסטישע אויגן, מיט די אויגן פון אַ נאַטור־מענטש — אַ פּויער, אַ פּאַרמער, אַ דאָרפס־מענטש.

געבוירן אין אַ דאָרף ניט ווייט פון באָברויסק, אין ווייס־רוסלאַנד, איז פאַר גאָלדבערגן די נאַטור שטענדיק געווען דער מאַטעריאַל, דער מגושמדיקער חומר, וואָס מען דאַרף באַאַרבעטן, וואָס מען דאַרף אויסקנעטן, כדי עפּעס דערפון צו מאַכן. דאָס איז זיכער אויך די סיבה פאַר זיין אינטערעס אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט אַגריקולטור, מיט דעם אַקערן די פעלדער, דעם פאַרזייען די זריעה און דעם שניט פון דער צייטיק־געוואָרענער תבואה. עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס די ערשטע באַדייטנדיקע דערציילונג זיינע טראָגט דעם נאָמען „אין דאָרף.“ עס איז געווען אָט־די דערציילונג, וואָס האָט גורם געווען, אַז ש. ניגער זאָל מאַכן זיין וואָרטשפּיל וועגן דעם יונגן גאָלדבערג, אַז ער „האָט אַ גאָלדענע פּען אין דער האַנט“...

אויך אין גאָלדבערגס ערשטן בוך דערציילונגען, „פּשוטע מענטשן,“ האָט ער צו טאָן מיט פאַרשוינען, דער עיקר האָרעפּאַשנע יידן, וואָס זיינען בלב ונפש צוגעבונדן צו דער ערד און צו אַלץ וואָס די ערד טראָגט. די מערסטע דערציילונגען שפּיגלען אָפּ די סביבה אין דער אַלטער היים.

דער געאָגראַפישער הינטערגרונט איז די מזרח־איראָפּעאישע, די ווייס־רוסישע לאַנדשאַפט, וואָס גאָלדבערג האָט זי פאַר אונדז געצייכנט מיט אַלע אירע וועגן און שטעגן, אירע פעלדער און וועלדער, טייכן און בערג. אין איין צייט האָט ער אונדז באַקענט אויך מיט די פאַרשיידענע מינים בהמות און עופות, פערד און הינט און ער האָט געמאַכט דערפון כמעט אַ גאַנצע זאָאָלאָגישע שטודיע.

גאָלדבערג האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר חיות. ער האָט פאַרשטאַנען חיות און האָט זיי ליב געהאַט. ער האָט אַריינגעדרונגען אין די טיפסטע טיפעניש פון זייער וועזן. אויב מען וואָלט געמעגט שמועסן אין שייכות מיט יענע באַשעפענישן וועגן אַ נשמה, אַ פּסיכע, דאַן וואָלט מען געמעגט באַצייכענען גאָלדבערגן ווי אַן אויסגעצייכנטן חיות־פּסיכאָלאָג. אפשר איז דאָס די סיבה וואָס האָט באַוואויגן יעקב גלאַטשטיין צו רעקאָמענדירן אַז מען זאָל אַריינעמען גאָלדבערגס נאָוועלן „אין כרעסטאָמאַטיעס נישט נאָר פאַר שילער אין די מיטעלע און אויך הויכשולן, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע לייענער.“ בכל אופן באַטייט דער דאָזיקער שטריך אין גאָלדבערגס שאַפן אַ זייער געוואונטשענעם אויפטו און אַ בפירושן נייעם צושטייער אין דער יידישער בעלעטריסטיק.

מען דאַרף אָבער אָנווייזן אויף נאָך איין ליטעראַרישן געביט, וואו גאָלדבערג האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן פּיאָנערישע אַרבעט, אָדער לכל־הפּחות עוסק צו זיין אין טעמעס, וואָס זענען ביז אים נאָך גאָר ווינציק באַהאַנדלט געוואָרן מצד יידישע מחברים. ער איז געבליבן געטריי צו זיין נייגונג פאַרן דאָרף און פאַרן דאָרפלעבן, אָבער שפּעטער, נאָך זיין באַזעצן זיך דאָ הי, האָט ער זיינע געשטאַלטן אַריבערגעפירט פון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע, אָדער ריכטיקער, אין די „צוויי אַמעריקעס"— מחמת זיין ווערק, „אַ ליכט גייט אויף", איז אַ ראָמאַן פון דעם יידישן פאַרמער־לעבן אין די סטעפּעס און פּרייריס פון מאָנטאַנאַ, בעת זיין לעצטער ראָמאַן, „ווילדגראָז", שפּילט זיך אָפּ אויף די ברייטע פעלדער פון אַרגענטינע.

אין דעם ראָמאַן „ אַ ליכט גייט אויף", ווי אויך אין זיין זאַמלונג פון קלענערע דערציילונגען, „אויף צעוואָרפענע וועגן," זיינען זיינע „העלדן"— אויב מען זאָל בכלל אָנרופן זיינע שטילע, פּשוטע און אָרנטלעכע יידן מיטן נאָמען העלדן — די זעלביקע ווי אין זיינע דערציילונגען פון דער אַלטער היים; דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט זיי איבערגעפּעקלט קיין אַמעריקע. געוויס האָבן אויך אַנדערע געפּרוואווט שרייבן און געשריבן מכוח דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, אָבער גאָר קנאַפּ האָט מען זיך פאַרנומען מיט דעם יידישן פאַרמער־לעבן. דעריבער האָט די יידישע קריטיק באַגריסט אָט דעם ראָמאַן ווי אַ נייע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

די דערמאָנטע צוויי אויפטועז וואָלטן געקלעקט צו פאַרזיכערן גאָלדבערגן מיט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין די רייען פון יידישע דערציילער און נאָוועליסטן. אַ חוץ דעם זיינען אָבער אויך זיינע ריין קינסטלערישע כשרונות, זיין טאַלאַנט צו מאָלן מיט די פאַרבן פון אַ דיכטער, דער אמת און די עכטקייט אין זיינע שילדערונגען, אנערקענט און אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף אַ געהעריקן שטייגער. דערביי איז אינטערעסאַנט, און אין צייט אַ סימן פון גאָלדבערגס אָריגינאַליטעט, אַז די אויפפאַסונגען פון זיינע קריטיקער זיינען „מכל המינימדיקע": יעדער איינער געפינט ביי אים עפּעס, וואָס פּאַסט אַריין אין זיין אייגענער שיטה און אין זיין אייגענעם באַנעם. אַזוי, למשל, האָט קלמן מרמר געהאַלטן דעם סאָציאַלן עלעמענט אין גאָלדבערגס שאַפן פאַר דעם חשובסטן; דער פּאָעט און ליטעראַטור־פאָרשער, נ.ב. מינקאָוו, האָט געפונען ביי אים מער מאָלעריי ווי שילדערונג; ד"ר מוקדוני האָט דערקענט אין זיינע יידישע געשטאַלטן „שיינע שבתדיקע יידן," בעת לויט ש. ניגערס אָנזיכט, איז אין גאָלדבערגס אַמעריקאַנער דערציילונגען אָפּגעשאַפט געוואָרן די מחיצה צווישן ייד און גוי, מחמת זיי זיינען ביידע ריין מענטשלעך פאַרבונדן דורך זייער געמיינזאַמער שווערער פּראַצע.

ווי עס זאָל נישט זיין, מוז מען צוגעבן, אַז גאָלדבערג איז נישט נאָר געוועזן דער פּסיכאָלאָג און שילדערער פון יידישע מענטשן, נאָר אַז אים איז אויך נישט פרעמד געוועזן דער קריסטלעכער מענטש. אַ בולטער באַווייז דערפאַר איז זיין לעצטער ראָמאַן „ווילדגראָז", וואָס נעמט אַרום אַ פּעריאָד אַרגענטינער געשיכטע פון פאַריקן יאָרהונדערט און וואו עס טרעטן אויף לויטער נישט־יידישע פיגורן..

גאָלדבערג איז געוועזן אַ קינסטלער מיט אַ ווייטן האָריזאָנט און זיינע אינטערעסן האָבן אַרומגענומען אַ ברייטן שטח.

איז, אויב מיר קומט איצט אויס צו דערמאָנען און אָפּגעבן כבוד דעם טאַלאַנטירטן דערציילער און נאָוועליסט, נח גאָלדבערג, זאָל מיר דערלויבט זיין אויסצודריקן מיין וואונטש, עס זאָל זיך איינקריצן ביי אונדז אַלעמען אין זכרון (און בפרט אין זכרון פון זיין שווער־געטראָפענער פרוי לאה) נישט דער גאָלדבערג פון די לעצטע יאָרן, אַ באַטריבטער און פאַרביטערטער, נאָר יענער גאָלדבערג, וועלכער האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט ריינע, פרישע און אָפענע אויגן און וואָס האָט פאַרמאָגט „אַ גאָלדענע פען."



## ז. בונין

# מיין פאָטער אפרים יצחק ז"ל

די ידיעה פון מיין פאָטערס פּטירה האָט מיך דערגרייכט אין אַ קליין שטעטל אין טעקסאַס, וואו איך האָב געהאַט אַ קליין קליידער־קראָם. איצט, ווען איך שרייב אָט־די שורות, איז געוואָרן פופציק יאָר זינט מיין פאָטערס פּטירה און זיבן און פופציק יאָר זינט איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען.

מיין פאָטער ע"ה איז בלי שום ספק געווען געבענטשט מיט אַ גרויסן פּאָעטישן טאַלאַנט, און וואָלט ער געווען אין אַ גרעסערער שטאָט און זיך באַגעגנט מיט מענטשן, וואָס זאָלן פאַרשטיין און שאַצן זיין טאַלאַנט, וואָלט ער געוואָרן ניט ווייניקער באַקאַנט ווי אַ וועלוועלע זבאַרזשער, אליקום צונזער, מ. מ. וואַרשאַווסקי אָדער שמואל שמוליעוויטש.

אַ גאָר היפּשע צאָל לידער וואָס ער האָט געשריבן זיינען געווען פּורים־לידער צו וועלכע ער האָט פאַרפאַסט זיין אייגענע מוזיק און פלעגט גיין צו די פּורים־סעודות פון די שטאָטישע באַלעבאַטים און זיי געזונגען בכדי צוזאַמענקלייבן געלט אויף מעות חטים.

אָט איז אַ פראַגמענט פון אַ פּורים־ליד:*)

פאַרצייטין צוריק מיט וויפיל יאָרין
איז אונזערע עלטערין גיוועזן ניט גוט,
אום איין האָר איז פון זיי גאָרניט גיוואָרין,
עס וואָלט זיך גיגאָסין טייכן בלוט,
נאָר דורך די טרערין און גיוויין,
פון דער אידישער גימיין,
האָט זיך גאָט דערבאַרעמט מיט זיין גינאָד,
און פאַרקערט אין דערגיך
זיינע שעפעלאַך צו זיך,
זיי זאָלין זיך פיטערין ביי אים אין סאָד.

עס איז גיוועזין אַ קיניג אַחשורוש,
אַ דוראַק, אַ גריישער נאַר,
האָט ער אופגענומען המנען
איבער אַלע האַרן אַ האַר,
וואו ער וועט גיין און שטייען,
זאָל מען כבוד אים אָפּגעבין,
אַלע זאָלין פאַר אים בייגין דעם רוקין,
פון גרייש ביז קליין
סיי רייך און גימיין,
זאָלין זיך צו אים בוקין.
(און אַזוי די גאַנצע מגילה אין גראַמען).

ער האָט אויך געשריבן אויף סאָציאַלע טעמעס: געזעגן אַ בלינדן אַן אָרעמאַן גיין איבער די הייזער, אָדער אַרעסטאַנטן געפירט געשמידט אין קייטן, האָט עס אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק. עס וואָלט גענומען צופיל פּלאַץ איך זאָל ציטירן באריכות זיינע זאַכן, און איך גיב דאָ בלויז פראַגמענטן.

## דער אָרימאַן

איך, אָרימאַן, ווי פינסטער איז מיין וועלט,
מיין ביטערקייט, ווי גרייש איז מיר,
ביז וואַנען איך קלייב צונייף עטליכע
קאָפּיקעס געלט
ווער איך אויסגירירין גאָר אָן אַ שיעור.
אוי, מיר איז ניט גוט,
עס צאַפּט זיך מיר מיין בלוט,
אוף דעם פינסטערין און ביטערין ברייט.
איך קרייז אַרום די וועלט,
איך לייד הונגער און קעלט,
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

באַלד ווי איך גיי נאָר אַוועק פון דער היים,
און טו אָן די טאָרבעס אויף די פּלייצין,
אַזוי לאָז איך די געזינד אָן אַ ביסין
ברייט שיים —
ניטאָ וואָש צו קאָכין און מיט וואָש
צו הייצין.
היינט ווי קען מיר איינגיין מיין ביסין,
ווען איך טו מיר גאַנץ גוט וויסין,
אַז איך האָב זיי גילאָזין אָן אַ ביסין ברייט
און מיט ביטערי טרערין
מוזין זיי זיך נעביך גינערין,

אוי, איך פיל דעם טעם פון טייט.
באַלד ווי איך גיי נאָר אַריין אין אַ טיר,

*) די אַלע ציטאַטן וואָס ווערן דאָ געבראַכט, ווערן אָנגעגעבן אין מיין פאָטערס אָריגינעלער אָרטאָגראַפיע.

אַזוי גייט מיר ניט איין מיין לעבין,
אַז איך ווייס עס איז אַלץ איינס,
דער נגיד, דער גביר—
מער ווי אַ גראָשין וועט קיינער ניט געבין.
עס וואָלט נאָך אַלץ גיוועזין גוט,
ווען מי צאַפּט מיר ניט מיין בלוט,
וואָלט איך זיך אַרוישגיכאַפּט פון שטוב
שטילער הייט.
אָבער אַז ניט פון די געבער
הייבין מיר אָן נעמען דעם לעבער,
אוי, איך פיל דעם טעם פון טייט!

איינער איז זיך מיישב גאָר
מיט אַ פיינער טענה:
איך קען אייך שווערן ריכטיק קלאָר,
אַז ער האָט אינדערהיים אַ דירה אַ פיינע.
אָ, מ׳קען די לוקאַווע
וואָש קלייבין געלט אין חאָליאַווע
און גייען אַרום אויף דער וועלט
פאַרמאַסקירטער הייט,
אין לאַטעס מיט שמאַטעס,
און אינדערהיים פירט מען זיך באַלעבאַטיש.
אוי, איך פיל דעם טעם פון טייט.

דערווייל גייט דורך וויפיל שעה אופן טאָג
און איך האָב נאָך גאָרנישט ניט גיהאַט
אין מיין מויל.
עס ציט מיר די האַרץ
ווי פון אַ זייגער די וואָג,
און אַליין בעטין עסין
בין איך נאָך אַליין פויל.
און ווען איך ווער שען אַ גוטער בעטער,
איז דאָ הייסט מען קומען שפּעטער,
און דאָרט זיצט נאָך אין איוֹוין דער ברייט.
דערווייל דערהער איך אַ קול:
„ער האָט שען מסתמא גיפרעסין
דריי אָדער פיר מאָל.“
אוי, איך פיל דעם טעם פון טייט.

## צוויי סוחרים

מיר זיינען גיוועזין צוויי גריישע סוחרים
און מיר זיינען גיוועזין גיאַכט,
צו וואָש עס האָט גיבראַכט שנאה און קנאה,
מי האָט אויף אונז אַ בילבול גימאַכט.
מיר זיינען גיפאָרין אויף ריסאַרנע
טאַרינטאַסין,
צופוס ניט געוואוּשט קיין וועג.
איצט פירט מען אונז אַרום
איבער אַלע גאַסין
ניט גיגעסענע נעכט און טעג.

**ווען מיין פאָטער איז געגאַנגען אין די הייזער זינגען זיינע לידער, פלעגט ער זיך פאַרגרימירן פאַסיק פאַר דער פאָרגע־שטעלטער ליד. זינגענדיק זיינע „צוויי סוחרים“ איז ער מיט זיינעם אַ חבר מלמד געווען אָנגעטאָן אין רייכע פוטערנע מאַנטלען און היטלען, און געפירט גע־שמידט אין קייטן פון אַ דריטן מלמד ווי אַ סאָלדאַט וואָס פירט זיי מיטן עטאַפּ. ווען ער האָט געזונגען דעם „אָרימאַן“ האָט ער זיך „פאַרשטעלט“ אין פאַרלאַ־טעטע הויזן און מיט צוויי טאָרבעס.**

**אַ חוץ זיינע לידער פלעגט ער בריוו צו קינדער אָדער פריינט אויך שרייבן מיט גראַמען. ווי אַ ביישפּיל גיב איך דאָ אַ פראַגמענט פון אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו מיינער אַ שוועסטער מיט אַ פינף און זעכציק יאָר צוריק.**

מיין טייערע טאָכטער:
חנוכה די לעצטע נאַכט,
האָב איך מיט מלמדים פאַרבראַכט.
גיוויינטליך, מיר זיינען דאָך חלילה
ניט גיקומען שפּילין,
עס האָט ניט פאַר יענעם אוישגירערט
יעדערין גיקאָסט עטליכע גילין,
האָט מען זיך אוישגיזעצט
און אַ פּאָר קווערטלאַך בראָנפון איש־
גיקוועצט.
איז מען דאָך אָבער מיט דעם ניט
גיוועזין יוצא,
האָט מען זיך געפונען אַן עצה,
און טאַקע שיים,
איז יעדערער גילאָפין מיט שמחה אַהיים
און מי האָט גיבראַכט צוטראָגין
יעדערער נאָך זיין פאַרמאָגין.
איך האָב דער ערשטער גיבראַכט
פינף רויע קאַרטאָפל
איינע אין איינע,
ניט גיקוקט וואָס ביי מיר איז במחילה
ניט גיוועזן,
האָב איך גיליען ביי אַ שכנה.
און די איבעריקע מלמדים,
וואָס זאָל איך דיר זאָגין,
רעטאַך, ציבעלעס, אוגערקעס, קרויט;



הכלל — מיהאָט גיטראָגין,
און איין מלמד האָט גיבראַכט גאָר
אַ היפּשין פּעקיל
און גיווען איז אין דעם פון אַ הערינג
אַן עקיל.

**אָט אַזעלכע בריוו פלעגט ער שרייבן געוויינטלעך חול המועד פסח אָדער סוכות. אָנגעשריבן און פאַרגעלייענט פאַר דער מאַמען: „נאַ, אָט האָסטו דיר אַ בריוו, כאָטש נעם און דרוק עס.“**

**מיך לערנען שרייבן, האָט אויך ביי אים געמוזט זיין מיט גראַמען: ער האָט מיר אָנגעשריבן אַן אופיר, און איך האָב עס געמוזט נאָכשרייבן וואָכן לאַנג, ביז איך האָב ביי אים אויסגעוויינט אַ נייעם אופיר.**

**אָט זיינען אַ פּאָר פון זיינע אופירן:**

## דער היישעריק

(פריי איבערזעצט פון רוסיש
פון קרילאָווס אַ פאַבל)

דער היישעריק זיצט דעם גאַנצן זומער
צווישן די זאַנגען,
ניט עס עסט, ניט עס טרינקט,
נאָר שטענדיק פאַרנומען
מיט זיינע געזאַנגען.

**אַזוי זינגענדיק און שפּרינגענדיק האָט ער דעם גאַנצן זומער פאַרבראַכט ביז דער ווינטער מיט די פרעסט איז געקומען און:**

דער היישעריק האָט דערזעהען
אַז אים איז גריישע צרות גישעהען,
ער האָט ניט וואָש צו עסין און וואו צו זיצין,
זיינע גיזאַנגען טוען אים מער ניט ניצין,
ער איז אינגאַנצין פאַרפראָרין
האָט ער אָנגעהייבין קלאָגין
אויף זיינע טעג און יאָרין.

די מוראַשקע איז גאָר אַ קליינע בריאה,
אָבער ווי זיך צו פאַרזיכערין
האָט זי אַ גריישע ידיעה,
זי קריכט ראַטשקע איבער דער ערד
און האָרעוועט ווי אַ פערד.
זי שניידט, זי זעגט,
ביי קיינעם ניט געפרעגט.
אָט אַזוי גאָר שטילער הייט
האָט זי פון פעלד און פון בייט
פיל כאָטש פאַרגרייט.
זי האָט שען פון אַלע סאָרטון
פון פעלד און פון גאָרטון
וואָש מער און וואָש געבער
האָט זי אָנגיפילט גאַנצע גריבער
און לעכער.
די נאַכט רוט זי אויש,
און ביטאָג קריכט זי אַרויש,
און נעמט זיך פאַר אירע גישעפטין
מיט אַלע אירע קרעפטין.

איז דער היישעריק צו דער מוראַשקע
גיגאַנגען,
און זאָגט: „הער נאָר מיין פריינט,
וואָש איך טו פון דיר פערלאַנגען,
זאָלשט מיר איצט אַביסיל עסין אַנטלייען,
און אַז מיר וועלין דערלעבין זומער,
וועל איך דיר באַצאָלין אין דרייען.

האָט אים די מוראַשקע גיענטפערט:
הער נאָר, מיין פריינד,
עס איז פאַראַן אַ גלייכווערטיל,
איך וועל דיר קושין מאָרגין,
און דו מיר היינט!
דערפאַר וואָס דו האָסט פאַרבראַכט
דעם זומער אינגאַנצין
מיט זינגען און טאַנצין,
ווערסטו איצט ליגין אין פראַנצין.
און גיי שיים אַוועק פון מיר,
ווארום דו וועסט ניט כאַפּין די טיר.“

**נאָך אַן אופיר:**

## דער שטערין זעהער

אַ רייכער שטערין־זעהער
האָט דורך דער חכמה פון מזלות
גיזעהען און דערקענט,
אַז זיין גאַנצע רייכקייט
פון דימענטין און באַרליאַנטין
וועט אַריינפאַלין צו אַ אידן אין די הענט.
האָט ער דאָש זייער ניט גיוואָלט ליידין,
און בכדי דאָש צו פאַרמיידין,
האָט ער איינגינייט זיין גאַנצין אוצר
אין היטיל פון זיין קאָפּ,
און געטראַכט,
ווער וועט עס פון אים נעמען אַראָפּ?
נו, ווען ער איז איינמאָל גיפאָרין אופן ים,
צוליב מסחר מן הסתם,
האָט אַ שטאַרקער ווינט די היטיל
פון זיין קאָפּ אַרונטערגירייסין
און אין די טיפעניש פון ים זי
אַריינגעשמיסין,

אין אַ דאָרף ניט ווייט פון ים
האָט אַ איד מיט נאָמען יוסף
ביי אַ פּריץ גידינט,
און פאַרן ווייב און קינדער
קאָם אופן שטיקל ברייט פאַרדינט.
אָבער די מצוה פון דגים לשבת

האָט ער זייער גיהיט.
צי האָט ער גיהאַט אינדערוואָכין
צו עסין צי ניט.
און ווען ער האָט איינמאָל לכבוד שבת
אַהיים אַ גריישע העכט גיבראַכט,
און זיין אשת חיל האָט
די פיש רייניקון גינומען,
האָט זי אין בויך פון דעם פיש
דעם אוצר גיפונען.
און דערפאַר וואָש דער יוסף
האָט די מצוה פון שבת זייער גיוואָלט,
האָט אים דער אייבערשטער
מיט גריישע רייכקייט באַצאָלט!

און נאָך איין אופיר — אַן איבערזעצונג פון קרילאָווס „ליעבעד שטשוקאַ אי ראַק“:

עס איז דאָ צו באַשרייבין אַ שיינע
איסטיטשקע,
ווי אַזיי דריי זשיוואָטנע,
האָבן זייער אָכאָטנע
זיך איינגישפּאַנט אין אַ בריטשקע.

ווען באַ טאָוואַרישטשעס איז ניטאָ
קיין סאָגלאַשעניע,
וועט פון אַלץ וואָש זיי וועלין טאָן
אַרוישקומען נאָר אַ מוטשעניע.

אַמאָל האָבין אַן אָדלער, אַ העכט און אַ ראַק,
גיוואָלט מאַכין אַ פאַרדינסטיל אַ גישמאַק.
האָבין זיי זיך אַלע דריי איינגישפּאַנט
אין אַ וואָגין סחורה אָפּצופירון
צו איינעם פון די שטאָטישע גבירין.
איז די משא דאַכט זיך געווען
ניט אַזיי שווער.
וואָס־זשע דען? ניט מער
וואָס דער שלעפּט אַהין, און דער אַהער.
אַז דער אָדלער איז גאָר
צו די וואָלקונס גיפלייגין,
דער פיש האָט צום טייך גיצייגין,
און דער ראַק רייסט די שטריק
און שלעפּט דעם וואָגין אוף צוריק.

ווער עס איז שולדיג און ווער גירעכט
איז ניט פאַר אונז צו זאָגין,
נאָר אופן זעלבין אָרט אין בלאָטע
שטעקט נאָך אַלץ דער וואָגין.

פון זיינע כתבים, אַ חוץ אַ בריוו צו מיר אין גראַמען געשריבן אין יאָר 1912,*) איז גאָרניט פאַרבליבן. וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט ער עס איבערגעלייענט פאַר אַ פריינד אָדער צוויי, אָדער עס געזונגען איין מאָל צו דער פורים־סעודה, דערנאָך אַוועקגעלייגט אין זיינס אַ קאַסטן, און אַזוי איז עס שוין דאָרט אויף שטענדיק פאַרבליבן.

ווען די פּעטלוראָווצעס האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פּאָגראָמירט יעקאַטערינאָסלאַוו, האָבן זיי פון מיין שוועסטערס הויז אַלץ צוגערויבט. אויך האָבן זיי פאַרנומען דעם טאַטנס קאַסטן מיט אַלע זיינע כתבים. אַלץ וואָס איך ציטיר דאָ פון אים, איז וואָס איך געדענק לויטן זכרון. איך האָב אָפּגעהיט זיין שפּראַך און אָרטאָגראַפיע, בכדי אים חלילה ניט אויסצובעסערן. איך קאָן זיך אָבער ניט צוריקהאַלטן פון באַוואונדערן זיין סטיל און שפּראַך, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אַליין בין איך באַלד שוין אַ בן־שמונים און אַ סך פון זיינע כתבים זיינען געשריבן געוואָרן נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן, דאָס הייסט, מיט אַ ניינציק אָדער הונדערט יאָר צוריק.

ווי טייער אים אַליין איז געווען דאָס שרייבן, איז כדאי צו דערמאָנען אַזאַ פאַל: ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פופצן און אָנגעשריבן אַ ליד און עס אים געוויזן, האָט ער מיט גרויס שמחה אויסגעשריען צו דער מאַמען: „באַשע, באַשע, קום נאָר אַהער, זושקע האָט מיך געירשנט!“

פאַר מיין אָפּפאָרן פון דער היים, זאָגט צו מיר דער טאַטע: „מיין זון, גיב מיר אַ תקיעת־כף אַז דו וועסט נאָך מיר קדיש זאָגן!“ ווען מיין גוטע מאַמע האָט עס דערהערט, איז זי מיט שרעק צוגעלאָפן צום טאַטן, אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט

*) באַריכות וועגן מיין פאָטער האָב איך געשריבן אין מיין פּאָעמע „ירושה“ אין מיין בוך „פון פרילינג ביז האַרבסט,“ דערשינען אין 1965.



און אויסגערופן: „חלילה, איטשע, טו עס ניט!“ זי האָט פשוט מורא געהאַט טאָמער גיב איך אַ תקיעת־כף און ברעך עס, איז גאָט ווייסט וואָס מיט מיר קאָן טרעפן...

פון דעסטוועגן, ווען איך האָב געקראָגן די טרויעריקע נייעס וועגן מיין פאָטערס פּטירה, האָב איך דערפילט, אַז איך מוז זיין צווישן יידן. האָב איך צוגעשלאָסן מיין געשעפט און אַוועק אין דער גרעסערער שטאָט, וויטשיטאַ פאָלס, צוויי סטאַנציעס אַוועק פון וואַנען איך האָב זיך געפונען. דאָ איז געווען אַ שול מיט אַ פיינער צאָל יידן, וואו איך האָב יאָ געקאָנט קדיש זאָגן, און אַזוי דערפילן זיין הייליקן פאַרלאַנג.

ליבער, טייערער טאַטע מיינער: ווען דו ווייסט נאָר מיט וויפיל צער און יראת הכבוד איך דערמאָן דיין פופציקסטן יאָרצייט.

צום סוף זאָל דאָ געבראַכט ווערן מיין פאָטערס אַ העברעאיש פורים־ליד. ס'איז דאָס איינציקע העברעאיש ליד וואָס איך געדענק:

שתו ושכרו דודים
על דבר אדוני חרדים:
על טובותיו ונפלאותיו
תהיו שמחים ורקדים.

זכרו מעשי המן:
על חרב והרג לאבדן.
על נקמתו ומפלתו
תהיו מודים ומברכים.

שישו ושמחו בשמחת פורים
טף ונשים, זקנים ובחורים.
מרוע הגזירה,
בפחד ובמורא
היינו כולנו.

בכל דור ודור—
רבים קמו עלינו.
ועדת עריצים
בקשו לנפשנו
מלחכים כלחוך השור,
והקדוש ברוך הוא מצילנו.

שלחו מנות
ולאביונים מתנות;
ועל האותות
הרבו כוסות לרויה.
שלחו מנות
ולאביונים מתנות —
ולבעל השגחות
תנו תשבחות
הללו יה!

## חבל על דאבדין ולא משתכחין!

די מיטגלידער פון לאָס אַנגעלעסער יידישן פּע״ן קלוב און לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב דריקן אוים זייער טיפן צער און מיטגעפיל צו

## לאה גאָלדבערג

אויף דעם טויט פון איר מאַן, דעם יידישן שרייבער

## נח גאָלדבערג ע״ה

מיר ווינטשן אַז די אַלמנה זאָל געפינען טרייסט אין דעם באַוואוסטזיין, אַז איר מאַן ווערט פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ווי איינער פון די טאַלאַנטירטע בעלעטריסטן, וואָס האָט געקענט פיין און ראַפינירט מאָלן נאַטור, טיף געדרונגען אין די פאַרהוילענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, דער עיקר פון דעם פשוטן מענטש — דעם פויער, דעם בעל־מלאכה, דעם איינפאַכן ייד ווי ניט־ייד. זיין טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונז אַלעמען.

**ל. א. יידישער פּע״ן-קלוב**

ז. בונין, פּינטשע בערמאַן, אברהם גאָלאָמב, משה ווייסמאַן, זלמן זילבערצווייג, מלכה חפץ טוזמאַן, יעקב שמואל טויבעס, הערי לאַנג, לאָטי פּ. מלאך, יצחק ניומאַן, רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב, אריה פּאָזי, ברכה קודלי, ד״ר י. קוזמינסקי, י. ראַשעל.

**ל. א. יידישער קולטור-קלוב**

מאיר לעדערמאַן, עקז. סעקרעטאַר
סעם לעווין, פינאַנץ־סעקרעטאַר

## אַ פאַרשפּעקטיקטע באַגריסונג צום יובל-נומער „חשבון“

## ה. רויזענבלאַט לייען-קרייז

באַגריסט אונדזער לאָס אַנגעלעסער יידישע פערטל-יאָר שריפט „חשבון“ צו זיין 23טן יאָרגאַנג.

מיר האָפן אַז „חשבון“ וועט נאָך האָבן אַ קיום אויף לאַנגע יאָרן און וועט באַרייכערן דעם יידישן קולטור-לעבן ביי אונדז אין קאַליפאָרניע און אויך אין אַנדערע יידישע ישובים. מיר ווינטשן אַלע מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

---


# HILL MART

**7600 S. SEPULVEDA BLVD.**

**LOS ANGELES, CALIF.**

•

**A SUPERMARKET**

**FOR THE DISCRIMINATING**

Manning's Beef, Pupi's Pastries,
Gourmet Delicatessen, Liquor,
Large Wine Selection, and
Catering for all occasions.

•

*Telephones:*

**776-5755 • 670-2995**